קרית ברסלב בלעטל
שנה ה׳ נומער 195
פרשת חיי שרה · תשפ״ד



# חנוכת בית המדרש

## היכל הקודש לינדען ניו דזשערסי צוזאמען מיט

## סיום מסכת קידושין - חצי ש״ס

ליל ששי פרשת וירא תשפ״ד



קביעות מזוזה ביים נייעם
ילד שעשועים אין שטעטל – ד׳ וירא




קביעות מזוזה ביים נייעם צוגעבויעטן
חלק אינעם בית הדפוס – ד׳ וירא

# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:
מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער.



צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169



**וועלטליכע נייעס**
מלחמה פלטים זענען זיך משדך
5



**שטעטל נייעס**
ראש ישיבה באזוכט אין שטעטל
6



**היכל הקודש נייעס**
געעפענט היכל הקודש בית המדרש אין שטאט לינדען
7



**היכל הקודש נייעס**
פרישע אפיסעס צוגעבויט ביים בית הדפוס
7



**א סעודה מיטן ר"ר**
פרשת ראה תשפ"ג חלק ב'
20



**ברסלב'ער שטוב**
זכרונות פון מיינע קינדערישע יארן
25




## זמנים Liberty
חיי שרה כ"ז חשון תשפ"ד

הדלקת הנרות........... 04:25
מוצאי שבת............ 05:55

מנחה מעריב תולדות.... 05:35

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 10 | 46°/32° | | PM Showers |
| Sat 11 | 43°/28° | | Partly Cloudy |
| Sun 12 | 41°/26° | | Partly Cloudy |
| Mon 13 | 45°/28° | | Partly Cloudy |
| Tue 14 | 48°/30° | | Partly Cloudy |
| Wed 15 | 51°/36° | | Mostly Cloudy |
| Thu 16 | 50°/39° | | Partly Cloudy |
| Fri 17 | 51°/38° | | AM Showers |




## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב

**מו"ה מרדכי היימליך הי"ו**
**וזוגתו מרים תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אריינגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה בנציון ברוין הי"ו**
**וזוגתו גיטל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל בגשמיות וברוחניות.

קהל
היכל הקודש
קרית ברסלב

# דירות מודעה

מיר ווילן מודיע זיין פאר די וואס האבן דירות אין שטעטל צו פארדינגען, זאלן ביטע נישט פארדינגען זייער דירה אָן די הנהלה, נאר זיך ווענדן צו חבר הנהלה מו"ה מרדכי אהרן הײלפרין הי"ו און מען וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף זען צו צושטעלן א טענענט אויפן שענסטן אופן.

אזוי אויך אלע וואס ווילן דינגען א דירה אין שטעטל, זאלן זיך ווענדן דירעקט צו די הנהלה.

אויב האט איר א שאלה קענט איר זיך שטענדיג ווענדן צו חבר הנהלה מו"ה מרדכי אהרן הײלפרין הי"ו.

החותם בשם הנהלת הקריה

**אברהם משה שטראססער**

181 Huschke Rd. Hurleyville NY 12747 • kiryasbreslevliberty@gmail.com • 845-640-4024

# וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער



## אפעראציע אדער אינוואזיע?

אין די יעצטיגע טעג קומען פאר העפטיגע שלאכטן צווישן די איזראעלישע מיליטער און די כאמאס טעראריסטן אין צפון עזה. עס זענען אריינגעפארן הונדערטער טאנקען, מיליטערישע דזשיפס, און טויזנטער סאלדאטן, מיטן ציל אויסצוראטן כאמאס. כאמאס פרובירט צו קעמפן פון זייער טונעלן, און די איראנער רעגירונג האט שוין געלאזט הערן זייער רויטע ליניע אויב עס ווערט געמאכט אן אינוואזיע צו עזה. אבער די מדינה זאגט, מיר גייען טאקע מאכן אן אינוואזיע אויף עזה, אבער יעצט איז עס בלויז א גרעסערע מיליטערישע אפעראציע...

לאמיר באזוכן רוסלאנד און אוקריינא, עס טוט זיך א מלחמה שוין כמעט צוויי יאר, אבער חלילה וחס, וועלכע ווארט האסטו געזאגט ׳מלחמה׳? אין רוסלאנד זאגן ׳מלחמה׳ איז אחת דתו, ״עס קומט פאר א מיליטערישע אפעראציע צו דיסנאציפיצירן אוקריינא״ שרייעט דער רוסישער בער אזש ביז די הייזעריג ווערן. אבער די מערב וועלט רופט אן דעם קינד ביים נאמען ״די רוסישע אוקריינא מלחמה״. איז וואס גייט דארט פאר? איז עס אן אפעראציע אדער אן אינוואזיע?

רוסלאנד פון זייער זייט האט שוין אויך אראפ געשטעלט פילע רויטע ליניעס, ״אויב מ׳וועט געבן לאנג שטרעקיגע וואפן פאר אוקריינא, נא נא״ שאקלעט דער רוסישער ווארטזאגער מיט זיין פינקי פינגער. למעשה האלט שוין אמעריקע לאנג אסאך ווייטער דערפון, יעצט איז רוסלאנד ארויס מיט א פרישע ווארענונג ״מ׳זאל נאר נישט געבן קיין פאטריאט סיסטעמס״, היינט ליגן שוין די פאטריאטן לאנג אין אוקריינא, אבער רוסלאנד איז ווייטער פריש כאילו מען האט נאך קיינמאל געווארענט ״געבן פאר אוקריינא עף 16 מיליטערישע קאמפס דשעטס איז ביהרג ואל יעבור״, ווען די אנגעגעבענע עף 16 פליגערס וועלן אנקומען קיין אוקריינא ווייס איך נישט, אבער יעצט האבן זיך שוין צענדליגע אוקריינע סאלדאטן טרעינירט אויף די אמעריקאנער פליגערס, ועוד ידם נטוי׳ נאך צענדליגע זעלנער טרענירן זיך אין עטליכע אייראפעאישע לענדער, ווארשיינליך וועלן מיר זיך אויפוועקן איין טאג און הערן אז אוקריינע האט באמבאדירט מיט די זעכצענערס, און הוברר הדבר למפרע אז זיי האבן עס שוין אין זייער באזיץ פאר א לענגערע צייט.

וואספארא מין ווערטשאפט איז דאס? מען גייט אריין אין א לאנד, אבער אינוואזיע? וואו זעסטו דא אינוואזיע? דאס איז אן ״אפעראציע״, זעסטו נישט? דא איז די אפעראציע צימער, מען אפערירט דא! וואס הייסט דו זעסט נישט? איך זאג דיר דאך קלאר, איך מאך אן אפעראציע און שוין...

דער אמת איז אז דאס איז א סטראטעגיע פון פילע לענדער אין די וועלט אריינגערעכנט אמעריקע און כינע, אז מען וויל טון דאס זייעריגע אן דעם וואס די אנדערע זייט זאל ארויסגיין פון די כלים און שרייען אז יענער טרעט איבער א ״רויטע ליניע״, און זאכן ווערן דערנאך נאר מער קאמפליצירט וואס פעלט זיך נישט אויס פאר די הצלחה. דאס איז א סטראטעגיע פון טון וואס איך וויל אבער, זיך מאכן תמ׳עוואטע ״וואס, איך האב געשפיגן? וואס, איך? איך מיין אז אפשר רעגענט...״ און די אנדערע זייט פאסט נישט צו מאכן אן עסק, און אזוי האפט מען יענער זאל באקומען דעם מעסעזש, אבער איך האב עס נישט אנגעהויבן. נישט אלעמאל ארבעט דער טריק,

אבער דאס פרובירט מען צום ערשט.

דער סמ"ך מ"ם נוצט אויך די זעלבע טאקטיק קעגן אונז, ער קומט נישט בעטן "גיי עס חזר פלייש", ער ווייסט עס וועט נישט ארבעטן, "איך עס נישט קיין חזר פלייש און זוך א צווייטן", ער קומט צו אונז מיט מצוות, "קוק וויאזוי דו זעסט אויס, ביסט דורכגעפאלן, דארפסט זיין צובראכן, קלאג און קרעכץ ווי שווארץ די מצב איז", פילע ערליכע פאלן אריין אין אזא נעץ, דאס זעט אויס ווי אזא הייליגע געדאנק, עס זעט אויס ווי עצבות איז דא ממש א מצוה, מרה שחורה איז א הייליגע פליכט. אזוי אויך פרובירט ער צו כאפן א מענטש מיט די מצוה פון מחלוקת "דער איז דאך אזא אויסוואורף, עס איז מצוה אים צו בארעדן, ער קען נאך אונטערברענגען אלעס, גיי ארויס קעגן אים מיט א מלחמת מצוה", דא ווערן ווייטער פילע ערליכע אידן פארכאפט, ווייל ערליכע אידן זוכן נאר צו טון מצוות ומעשים טובים.

מוהרא"ש פלעגט טייטשן די פסוק "ואנשי סדום רעים וחטאים" די מענטשן פון סדום זענען געווען שלעכט און זינדיג, אבער "להשם מאוד" זיי האבן עס געמיינט כולו לשם שמים, מען האט גע'רצח'עט מענטשן לשם שמים.

אבער אויך פון די אנדערע זייט קען מען נוצן די עצה, ווען א מענטש וויל זיך צוריק קערן צום אויבערשטן, זאל ער זאגן "היינט וויל איך זיין אן ערליכער איד, היינט וויל איך לייגן תפילין, גיין אין מקוה, דאווענען מיט מנין, לערנען אביסל חומש רש"י" און אזוי ווייטער, און אויב דער סמ"ך מ"ם וועט עס אים מאכן אויסזען אוממעגליך, זאל ער אים זאגן "נאר היינט, מארגן וועלן מיר זען וואס וועט זיין", אזוי איין טאג אויף אמאל, קען מען זוכה זיין צו ווערן אן אמת'ער ערליכער איד.

**למדת ששנאוי המחלוקת וגדול השלום**



# מלחמה פלטים פון דרום טרעפן זייער שידוך אין ירושלים

עס איז באקאנט דער ווארט פון הייליגן בעל שם טוב זי"ע אז אסאך מאל מאכט דער אייבערשטער אז עס זאל אויסברעכן א מלחמה צווישן לענדער נאר כדי א שידוך זאל צושטאנד קומען, דער אנליפט פון דא, און דער אנטלויפט פון דארט און אזוי ווערט א שידוך.

אזא מעשה האט פאסירט אין די יעצטיגע טעג ווען א היימישע משפחה פון אשדוד וואס האט אן עלטערע בחור אין שטוב איז אנטלאפן פון שטאט צוליב די פילע מיסלס וואס האבן געראגנט כסדר, דער אייבערשטער האט צוגעפירט זיי זאלן טרעפן א דירה צו דינגען און ירושלים אויף רחוב ים סוף.

איין טאג איז דער איד געגאנגען צו איינע פון די גדולי ירושלים און געבעטן א ברכה פאר זיך פאר די משפחה און דערמאנט אז ער האט א זון אן עלטערער בחור, האט אים דער גדול געזאגט אז ער זאל גיין צו הרב חיים שמערלער שליט"א וואס פארפיגט אויף די וועלט בארימטע ארגאניזאציע הגפן וואס טוט טאקע דאס, זיך אפגעבן מיט בחורים און מיידלעך זאלן טרעפן זייער באשערטע שידוך פון הימל.

דער איז איז אראפ געגאנגען צום בית המדרש היכל צבי צאנז ווי הרב שמערלער איז דער רב דארט, און אים געזאגט אז ער איז אנטלאפן פון אשדוד, און ער האט געהערט אז ער טוט פאר בחורים פאר שידוכים, ער האט אן עלטערער בחור, אויב ער קען אים העלפן, זאגט אים הרב חיים "פונקט נעכטן האב איך באגעגנט א איד וואס איז אנטלאפן ווי דיר פון שטאט רחובות דער אויבערשטער האט אים צוגעפירט צו האבן זיין אכסניה אויף רחוב סנהדריה וואס איז ממש איין גאס אוועק פון וואו דו האלטסט זיך אויף, ער האט מיר געזאגט אז ער האט אן עלטערע טאכטער, זעט אויס אז פון הימל וויל מען עפעס, ער האט אריינגערופן צו זיין אפיס הגפן און געבעטן א שדכן זאל זיך פארען דערמיט און זען וואו דער אייבערשטער וועט עס פירן, און ברוך השם געלויבט דער אויבערשטער ביז אפאר טעג האט מען געשלאסן שידוך.

דער הייליגער תנא רבי יוסי בן חלפתא האט געזאגט אז דאס איז וואס דער באשעפער טוט א גאנצן טאג ער זיצט און פירט אויס שידוכים, דער מדרש לייגט צו אז דער אייבערשטער מאכט לייטערס דער גייט ארויף און דער גייט אראפ און אזוי קומען זיך שידוכים צוזאם, ווער עס האט שכל און לאזט זיך פירן פון באשעפער דער קומט אן גרינג צו זיין שידוך, ער דארף נישט גיין אין ערגעץ, אבער דער וואס מיינט אז אזא יחסן, אדער אזא עושר, אזא חכם ווי ער איז נאכנישט געווען זינט בריאת העולם, דארף נעבעך דורכגיין אסאך ביז זיין באשערטע שידוך קומט אן.

מוהרא"ש זי"ע פלעגט אלץ רעדן פון די גרויסקייט פון העלפן בחורים און מיידלעך אויפשטעלן אידישע שטובער, צדיקים פלעגן זאגן אז שדכנות געלט איז אמת'ע כשר'ע געלט, און דאס איז די תכלית הבריאה אז מען זאל חתונה האבן און אויפשטעלן אידישע הייזער און איבערגעבן די אמונה ווייטער פאר די קינדער, וואס מיט דעם איז מען מקרב די גאולה ווי עס איז באקאנט דער מאמר חז"ל "אין בן דוד בא עד שיכלו כל הנשמות שבגוף", און מיט דעם ווערט מען א שותף מיט כביכול דעם אייבערשטן.

דער אייבערשטער וועט זיכער אויספירן זיינס, און שידוכים ווערן ברוך השם, אבער וואויל איז פאר דער וואס האט א חלק דערין, ער רעדט נישט אפ קיין שידוכים מיט נארישע חשובנות, וועגן כבוד און יחוס, דער פאסט נישט פאר דעם, נאר העלפט צו אידישע קינדער צו קענען טון שידוכים אינגערהייט און גרינגערהייט וועט אים גוט זיין בזה ובבא.

# שטעטל נייעס

## שיינעם באזוך פונעם ראש ישיבה אין שטעטל



גאר א שיינעם באזוך פונעם ראש ישיבה איז פארגעקומען פארגאנגענעם מיטוואך וירא, די סיבה פונעם באזוך איז בעיקר געווען צו זיין מיט די בחורים פון ישיבה אין שטעטל, וואס האט נארוואס געעפענט אירע טויערן.

**באזוך אין ישיבה:** דער ראש ישיבה איז אנגעקומען אכט אזייגער אינדערפרי, און זיך געזעצט לערנען שיעורים כסדרן מיט די חשובע בחורים ביזן זמן פון שחרית, דערנאך האט מען געדאווענט צוזאמען א ווארימען שחרית. שפעטער איז דער ראש ישיבה געגאנגען מיט די בחורים צו די גראסערי און יעדער האט זיך געקענט קויפן עפעס אויף דער ראש ישיבה'ס חשבון, לכבוד דעם וואס זיי פירן זיך מיט דרך ארץ און לערנען פלייסיג. אויך האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דעם דף גמרא פאר די בחורים, און דערנאך איסגעפרעגט די בחורים ווער עס לערנט דעם דף גמרא יעדן טאג.

איינע פון די חשובע קינדער הילד נחמן פוקס נרו יאיר האט זיך פארהערט ביים ראש ישיבה גאנץ צעטל קטן אויף אויסנווייניג דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט און אים געגעבן געלט דערפאר.

שפעטער האט דער ראש ישיבה שפאצירט מיט די בחורים אויף די גאסן אינעם נייעם געגענט און זיך אנגערופן: איך זע שוין שטראמען אידן דא שבת מיט די שטריימלעך, דא וועט זיין א שיינע שטעטל. צו הערן א לענגערע באריכט וואס איז אלס געווען אין ישיבה ביים באזוך קען אריינרופן קול ברסלב ביים שמועס פון די ברסלב'ע ברודער פרשת וירא.

**באזוך אין בית הדפוס:** שפעטער איז דער ראש ישיבה אריבער צו א קביעות מזוזה אין בית הדפוס ביי די נייע אפיסעס וואס מען האט נישט לאנג געענדיגט בויען.

איינע פון די אפיסעס איז גראדע געווידמעט פאר די סטעף פונעם קרית ברסלב בלעטל, פון דארט ווערט אהערגעשטעלט די שיינע קינדער אפטיילונג אינעם בלעטל, דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: די קינדער איז די עיקר, אויף דעם דארף מען לייגן א דגוש. אויך האט דער ראש ישיבה זיך אומגעקוקט אויף אלע גליונות, קונטרסים און ספרים וואס ווערט געדרוקט אינעם בית הדפוס אויף א טעגליכע פארנעם.

**באזוך אין ילד שעשועים:** שפעטער איז דער ראש ישיבה צוגעפארן צום נייעם "ילד שעשועים" קימפעטארן היים צום שבע ברכות וואס איז פארגעקומען אויפן פלאץ פון החתן בנציון נרו יאיר בן מו"ה ישראל חיים ברוין הי"ו - עב"ג מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו.

מען האט זיך געוואשן צום שבע ברכות און געגעסן פיינע טונא און אייער וואס מען האט געברענגט פון חדר, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מען האט קודם געהאט באשטעלט פאר געלט א טייערע מעניו פון עסן, אבער איך האב געהייסן ער זאל דאס קענסלען, און אנשטאט דעם זאל זיין עסן פון חדר פאר אומזינסט.

דער ראש ישיבה האט זייער שיין ארומגערעדט לשבח פון די צוויי חשובע מחותנים וואס העלפן אזוי סאך די קהילה זה בכה וזה בכה. דער ראש ישיבה האט פארציילט וויאזוי די ישיבה האט זיך געבויעט און ווי מען האלט היינט ברוך השם. אויך האט מען ארומגערעדט פון די נס אז מיר קענען מאכן חתונה ביליג אן קיין חובות, מען מאכט חתונה אין בית המדרש פאר אומזיסט. מענטשן ווערן שווערע בעלי חובות ביים חתונה מאכן די קינדער. דערנאך האט מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו פארציילט די היסטאריע וואו עס האט זיך אנגעהויבן די געדאנק פון א קימפעטארן היים, און די סיבה פארוואס מען האט דאס אויפגעשטעלט אין שטעטל (צו הערן דעם שיעור רופט קול ברסלב 2 1).

פון דארט איז דער ראש ישיבה אהיימגעפארן מלא רגש פונעם ברסלב'ן שטעטל וואס פירט זיך אזוי ווי דער הייליגער רבי לערנט אונז, אלע רעדן צום אייבערשטן, לערנען שיעורים כסדרן און פירן זיך אויף שיין אינדערהיים מיט דרך ארץ.

# היכל הקודש
# נייעס

לינדען

## נייע היכל הקודש בית המדרש געעפענט אין שטאט לינדען



ברוך שהחיינו וקיימנו לזמן הזה! אנשי שלומינו אין לינדען ניו דשערסי האבן נאך אסאך תפילות און בענקשאפט געטראפן א געשמאקע ווינקל וואס איז פאסיג פאר א בית המדרש.

דער שיינער ווינקל געפינט זיך אויף 924 נארט וואוד עוו. לינדען ניו דזשערסי (ארייגאנג פון די בעק), ברוך השם אז מען האט שוין אויסשטאפירט דעם בית המדרש מיט פילע וויכטיגע געברויכן ווי טישן, בענקלעך, א ספר תורה, א סעיף, סידורים און חומשים. עס האט אויסגעזען אז מען וועט עפענען דעם בית המדרש אן א ספר תורה, ווייל מען האט נישט געקענט טרעפן א ספר תורה ביז די לעצטע מינוט, ב"ה דער אייבערשטער האט געהאלפן אז נאך אסאך תפלות האט מען באקומען ממש די לעצטע מינוט א ספר תורה, וואס מען האט שוין גענוצט די וואך צו קריאת התורה שבת ביי מנחה.

שלש סעודות ווערט פארגעלערנט דורך מו"ה יודל איינהארן הי"ו וואס אנשי שלומינו זענען זיך מחי' מיט זיין געשמאקע שפראך ווי ער ברענגט אראפ דעם הייליגן רבינ'ס ווערטער לעובדה ולמעשה צו אונזער דור.

אנשי שלומינו האבן יעצט די געלעגנהייט צו קויפן די זכות פון א פרנס החודש, צו צאלן די $800 וואס עס קאסט רענט פארן בית המדרש, מען קען רופן ר' יודל אויף 347-816-0758, אזוי אויך קען מען מנדב זיין פארשידענע ספרים וואס מען דארף נאך האבן און מיט דעם האבן א חלק אינעם לעכטיגן ווינקל וואס וועט באלייכטן גאנץ לינדען והגלילות.

קרית ברסלב

## קרן הדפסה היכל הקודש לייגט צו פרישע אפיסעס



די הנהלה פון קרן הדפסה האט בעזר השם צוגעבויעט פרישע אפיסעס, כדי אלע זאלן קענען ארבעטן אינאיינעם בפונדק אחד, מיטן ציל צו מפרסם און מגלה זיין דעם אויבערשטן אויף די גאנצע וועלט.

די נייע אפיסעס וועלן זיין געווידמעט פאר די פאלגענדע אפטיילונגען:

טרענסלעישאן: דער אפיס וועט דינען פאר די חשובע איבערטייטשער וואס לייגט אריין פילע כוחות צו איבערטייטשן פילע ספרים, גליונות און קונטרסים אויף ענגליש.

גרעפיקס: קרן הדפסה האלט אויף א גראפיקער אפיס וואס איז שטארק פארנומען אויף א טעגליכע און א וועכנטליכע פארנעם צו דעזיינען און אויסשטעלן די דעקלעך פאר די קונטרסים, די וועכנטליכע גליונות און קרית ברסלב בלעטל.

קול ברסלב: דער מנהל הר"ר מרדכי אינדיג שליט"א האט איבערגעגעבן די ארבעט אנצופירן דעם פארצווייגט "קול ברסלב" טעלעפאן ליין פארן געטרייען אינגערמאן מו"ה משה עקשטיין הי"ו, וואס דאס וועט בעז"ה געטון ווערן הויפטזעכליך פון דעם אפיס.

קרית ברסלב בלעטל: עס איז דא ספעציעלע אפיסעס פאר די שרייבער און מגיהים פונעם וועכנטליכן פאפולערן גליון "קרית ברסלב בלעטל" פאר די שרייבערס און מגיהים וואס האבן נישט קיין אפיס און קיין קאמפיוטער וואו זיי קענען אריינקומען שרייבן זייערע געשמאקע ארטיקלען, מיט וואס אלע אנשי שלומינו זענען זיך מחי'.



# "מעשיות פון תפילה"

## יעקב הילל פארקאש - קרית ברסלב:

פארגאנגענעם ראש השנה ביים זיך צוגרייטן צו די נסיעה, האב איך באקומען א טעקסט אז מיין טעלעפאון סערוויס וועט קאסטן נאך געלט מער ווי ביז יעצט. איך האב פרובירט אריינצורופן צו פרעגן דערוועגן, אבער עס איז נישט געווען צו וועם צו רעדן. אזויפיל האב איך גע'פועל'ט ביי זיי אז איך וועל באקומען $25 דאלער קרעדיט. שפעטער ווען איך האב נאכאמאל אריינגערופן זענען זיי נאכאמאל געווען וויליג צו געבן א קרעדיט, אבער נישט מער פון דעם. וואס טוט מען דא? איך מיט מיין ווייב האבן זיך גענומען מאכן תפילות אז מען זאל פטור ווערן פון דעם פראבלעם וואס האט אונז דא באטראפן אומגעראכטן. אויב האב איך געבעטן נאך מענטשן זיי זאלן בעטן דעם אייבערשטן פאר מיר.

למעשה האט מיר איינער געזאגט אז די בעסטע צייט זיי אריינצורופן איז אינדערפרי. איך האב זיי אריינגערופן אכט אזייגער אינדערפרי, און דער וואס האט אויפגעהויבן האט געזאגט אז ער גייט נישט אראפלייגן ביז די זאך ווערט מסודר. נאכן זיין אויף די טעלעפאון פאר א שעה מיט צוואנציג מינוט איז געבליבן אז זיי גייען געבן $750 דאלער קרעדיט, ברוך השם, דאס איז זיכער בעסער ווי גארנישט.

שפעטער האב איך געקוקט אויפן ביל האב איך געזען אז זיי האבן למעשה יא געגעבן א גרעסערן קרעדיט, מער פון $900 דאלער, און די ביל איז געבליבן ממש אפאר דאלער.

## לייבי אפפעל - קרית ברסלב:

פארגאנגענעם יום טוב סוכות בין איך געזיצן אין סוכה, און אינמיטן דערזע איך מיך מיט א גאנצע גרופע בינען אינעם סוכה, עס האט אנגעהויבן קריכן אויף מיין זון און די בין האט אנגעהויבן ציפן מיין זון.

איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן די בינען זאלן אוועקגיין פון דא און נישט אויסצופן מיינע קינדער, און אויב די בינען וועלן אוועקגיין וועל איך עס מפרסם זיין אינעם בלעטל. שכח אייבערשטער אז די בינען זענען נעלם געווארן און מער נישט צוריק געקומען גאנץ יום טוב.

## ברוך נויסבוים - בני ברק:

אויפן וועג צום רבי'ן ראש השנה האב איך געדארפט מאכן א סטאפ אין טערקיי פאר גאנצע זיבן שעה.

איך בין געפארן מיט מיין שוואגער, מיר האבן אפגעשמוסט צו פוקד זיין ביים ציון הקדוש פונעם הייליגן צדיק רבי נפתלי כ"ץ זכותו יגן עלינו בעל הסמיכת חכמים, וואס ליגט אין אלטן בית החיים אין איסטנבול. אבער היות מיר זענען קיינמאל נישט געווען אין טערקיי, און מען האט אונז אנגעזאגט אז די ערפארט אין איסטנבול איז ריזיג גרויס און מען דארף גיין זייער אסאך, מיט דעם אלעמען האבן מיר אפגעמאכט צו גיין צום ציון.

מיר האבן אנגעהויבן בעטן דעם באשעפער נאכאמאל און נאכאמאל, אז מיר זאלן זוכה זיין צו האבן א גרינגע און א גוטע וועג צום ציון פון דעם הייליגן צדיק. דער אייבערשטער האט געפירט אז אן אנדערן שוואגער האט אונז געגעבן א נאמבער פון איינעם אין טערקיי וואס קען אונז אלעס צושטעלן. מיר האבן פרובירט אים רופן, אבער ער הייבט נישט אויף. מיר האבן ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן קענען אנקומען אהין.

שכח אייבערשטער א טאג פארן זיך ארויס לאזן קיין אומאן האט מיין שוואגער אים געקענט כאפן, און ער איז טאקע געווען אונזער גוטע שליח צו אלעס אנגרייטן אנצוקומען אהין.

דער מענטש האט אונז צוגעשטעלט א שיינע גרויסע קאר, מיט א דרייווער וואס רעדט די שפראך וואס מיר קענען, ביים בית החיים האט אונז שוין אפגעווארט דעם שומר הפתח, [וויכטיג צו באמערקן אז ס'איז שוין געווען ארום צוויי אזייגער ביינאכט, וואס דער בית החיים איז אפציעל פארשפארט] ברוך השם מיר האבן געקענט ווילן ביים ציון הקדוש פאר ארום פופציג מינוט, און זיך גוט אויסבעטן אלעס גוטס.

פון דארטן האט אונז דער דרייווער צוריק געברענגט צום עירפארט, און מיר זענען אנגעקומען גענוג צייטליך פאר די עראפלאן האט זיך געהייבן.

# א בריוו
## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר און וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ גֵייסְט אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן ז"ל הָאט גֶעזָאגְט: "**וֶוער עֶס גֵייט אִין מִקְוֶה, וֶועט הָאבְּן סוֹף כָּל סוֹף אַ תִּקְוָה**", בִּפְרַט אַז דוּ פָּארְסְט אַרום אוֹיף דֶער וֶועלְט דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר נִזְהָר אִין מִקְוֶה, רֶבִּי נָתָן ז"ל שְׁרַייבְּט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תע"ה) "שָׁמַעְתִּי מֵרַבִּי יִצְחָק חֲתַן הַמַּגִּיד מִטִּירָהאוֹוִיצֶע שֶׁאָמַר שֶׁשָּׁמַע מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ שֶׁאָמַר: **שֶׁבַּדֶּרֶךְ צְרִיכִין לִזָּהֵר בִּטְבִילַת מִקְוֶה כִּי מִקְוֶה מְסֻגָּל לְהִנָּצֵל מֵרוֹצְחִים**". עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי יִצְחָק אַן אֵיידֶעם פוּן דֶער טִירָאוֹוִיצֶער מַגִּיד, אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז מֶען דַארְף זַיין נִזְהָר אוֹיפְן וֶועג צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, און דָאס אִיז אַ סְגוּלָה צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן רוֹצְחִים ה"י.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: '**דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז מִקְוֶה**', וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין מִקְוֶה וַואשְׁט עֶר אָפּ זַיין נְשָׁמָה, אִין דֶער זֶעלְבֶּע צַייט וָואס עֶר טוֹבֵל'ט זַיין גוּף דָא דֶעמָאלְט טוֹבֵל'ט מֶען זַיין נְשָׁמָה אוֹיבְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין און אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

...

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין דִי וִוינְטֶער שַׁבָּתִים וָואס **דֶער זְמַן אִיז זֵייעֶר פְּרִי**, דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ חִלּוּל שַׁבָּת.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז אַלֶעס קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן מִיט תְּפִלָּה, וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף און וָואס אַ מֶענְטְשׁ וִויל, קֶען עֶר בַּאקוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ תְּפִלָּה, אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, פָּשׁוּט, פּוּנְקְט **וִוי אַ קִינְד בֶּעט פוּן זַיין מַאמֶע** וָואס עֶר דַארְף און זַיין מַאמֶע גֶעבְּט אִים אַלֶעס, אַזוֹי אוֹיךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט מֶען, אָבֶער מֶען דַארְף וִויסְן אַז מֶען דַארְף הָאבְּן **אַסַאךְ סַבְלָנוּת**, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זַאכְן וָואס מֶען בַּאקוּמְט עֶרְשְׁט נָאךְ אַסַאךְ תְּפִילוֹת.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און זֶע צוּ זַיין **פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת**, וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר אַז וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ שַׁבָּת אַזוֹי אִיז דֶער גַאנְצֶע וָואךְ נָאכְדֶעם.

**אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת.**

# א שיחה
## פון דער ראש ישיבה שליט"א



# שִׁיר הַשִּׁירִים עֶרֶב שַׁבָּת

**אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶועגְן זָאגְן שִׁיעוּר הַשִּׁירִים עֶרֶב שַׁבָּת הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט:** דאס וואס איך זאג שיר השירים אין בית המדרש, איז ווייל איך האב בחורים אין ישיבה וואס ווייסן גארנישט, זיי האבן גארנישט געזען אין שטוב חוץ אז מען שלאגט זיך און ווי מען עסט און שלאפט, האב איך געטראכט אז איך וועל קומען פרי אין שול און איך וועל זאגן אויפן קול 'שיר השירים', אזוי וועלן די בחורים זען ווי אזוי מען גרייט זיך צו צום שבת, און אפשר וועלן זיי אויך זיין ערליכע אידן, ברוך השם אז איך האב היינט תלמידים וואס ווייסן שוין היינט צוטאגס ווי אזוי מען גרייט זיך צו שבת, זיי זענען אין שטוב ווען מען צינדט ליכט און זינגען דעם געזאנג פון שיר השירים, און אזוי ברענגען זיי אריין דעם שבת, דער אייבערשטער רוהט ביי זיי אין שטוב.

מען האט געקענט זען יעדע וואך שבת ווי מוהרא"ש זעצט זיך אוועק נאכן דאווענען און נאכן אן וואונטשן פאר יעדעם איינעם 'א גוט שבת', צו זאגן 'שיר השירים' מיט אזא בענקשאפט צום אייבערשטן; עס ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך (או"ח סימן רפ"ח, סעי' ב) "**מי שיש לו עונג אם יבכה כדי שילך הצער מלבו, מותר לבכות בשבת**" אויב א מענטש האט א תענוג פון דעם, דאס הייסט ער וויינט זיך אויס פארן אייבערשטן און עס ווערט אים גרינגער, מעג ער וויינען שבת, און דער ט"ז זאגט (שם, ס"ק ב'): "וכן מצינו ברבי עקיבא (בזוהר חדש) **שהיה בוכה מאוד באומרו שיר השירים**", רבי עקיבא פלעגט זאגן 'שיר השירים' שבת און עס האט אים געריינען טרערן פון גרויס בענקשאפט צום אייבערשטן, דאס האט מען געקענט זען ביי מוהרא"ש ווי ער פלעגטווארטן ביז יעדער האט אים געזאגט גוט שבת, און ער האט זיך אוועק געזעצט און געזאגט 'שיר השירים' מיט א מורא'דיגע בענקשאפט.

(מכתב עש"ק חיי שרה תשע"ז)

## געדאנקען

**משה ארי' שניצלער**



# א גרויסע מתיבתא מיט איין בחור

לאמיר אייך דערציילן די געשיכטע פון א מתיבתא אין ברוקלין וואס האט אמאל געהאט "איין תלמיד".

יא! ווען איר וואלט דארט אריין אין יענע תקופה וואלט איר געזען אז "איין בחור" לערנט דארט! א מתיבתא וואס וואלט זיך געקענט בארומען ביים יערליכן באנקעט, אז ברוך השם אונזער מספר התלמידים האלט שוין ביי "איינס"!

לאמיר אייך דערציילן די געשיכטע פון זיך דערהאלטן, די געשיכטע פון סבלנות, אויסווארטן מיט געדולד, און זיך איבערגעבן צום אייבערשטן.

איין זאך בעט איך דיך, דראפע זיך און האלט זיך,

איך בעט דיך, זיי זיך נישט מייאש און געב נישט אויף!

(יאוש מיינט נישט אז מ'נעמט זיך דעם לעבן, יאוש מיינט נישט אז מ'טאנצט אראפ פון די וויליאמסבורג בריק, יאוש מיינט נישט אז מ'לייגט א שטריק ארום די האלז, דאס איז נישט יאוש, דאס איז טפשות. יאוש איז, אז מ'טוט נישט די נעקסטע פינף מינוט די מערסטע און שטערקסטע וואס איז אין מיינע כוחות צו טון. דאס קומט, אין פילע פעלער, פון זיין צו קלוג, הנקרא אויבער-חכם בלע"ז)



איך בעט דיך ברחמים זיי זיך נישט מייאש! דו גייסט מצליח זיין! איך האב proof!

איך האב proof אז אויב מ'געבט נישט אויף קומט מען אן צו שיינע זאכן!

איך האב יעצט מיטגעהאלטן א success story וואס איך האב זיך נישט געקענט פארשטעלן אין ווייטסטן חלום!

און זיכער האב איך נישט געטראכט אז איך וועל זיין עדות דערצו מיט מיינע פליישיגע אויגן.

ס'איז געווען "צוויי" קביעת מזוזה'ס פון א מוסד וואס אלע האבן געזאגט אז דער מוסד גייט קיינמאל נישט זען קיין ברעקל פון הצלחה.

און דער גרויסער זיסער לעכטיגער באשעפער האט אזוי





געפירט אז איך בין געווען ביי ביידע.

כ'האב מיך אלעס געקענט פארשטעלן, אבער אז אזא מוסד ווי היכל הקודש ברסלב זאל האבן דער ראש ישיבה שליט"א ביי צוויי קביעת מזוזה'ס אין איין טאג, דאס האב איך נישט געטראכט, און אוודאי האב איך נישט געקענט חלום'ען אז איך וועל דאס מיטהאלטן פון דער נאנט.

דינסטאג פרשת וירא, אום האלבער עלעווע ביינאכט, באקום איך א טעלעפאן רוף פון מו"ה יואל הכהן הי"ו, אז איך בין געלאדנט צו א שבע ברכות, מארגן מיטוואך, צוויי דרייסיג נאכמיטאג, און דער ראש ישיבה שליט"א גייט זיין בעזר השם.

מ'רעדט פון א שבע ברכות פאר די מחותנים מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו און מו"ה ישראל חיים ברוין הי"ו

וואו? אין די קימפעטארין הײם.

קימפעטארן וואס? קימפעטארן ווער?

כ'הער נישט!

ברסלב האט א קימפעטארן היים?

ברסלב האט נאך אסאך זאכן.

ברסלב האט א נייע ישיבה, נעבן די חדר אויף "טשעסטנאט" גאס, אין די "ליבערטי ווילעדזש" חלק פון קרית ברסלב (די ווילידזש און ליבערטי איז א שטעטעלע וואס האט געציילט פינעף טויזנט ביי די לעצטע census אין יאר תש"פ, עס געפינט זיך אין צפון-קרית-ברסלב).

דער מגיד שיעור איז מו"ה ישראל





**וואוילע אידן האבן דעמאלטס געזאגט אז אין די ישיבה לערנט מען אויס אז "מ'מעג טון וואס מ'וויל"**

יוסף שניטצלער שליט"א וואס איז א תלמיד פון די ברסלב'ע חדר פון זינט ער איז א יונגעלע אונטער די בר מצוה. גוט-מיינענדיגע מענטשן האבן דעמאלטס געוואוסט צו זאגן אז די זאך גייט זיך נישט אויסארבעטן. וואוילע אידן האבן דעמאלטס געזאגט אז אין די ישיבה לערנט מען אויס אז "מ'מעג טון וואס מ'וויל" (חס ושלום), וויל מ'האלט יעדן טאג דרשות אז ס'שטייט אין די תורה אז ס'איז דא אזא זאך וואס הייסט תשובה.

(א טייערע בחור האט אמאל געפרעגט דעם ראש ישיבה, אויב איר וועט זאגן אז מ'קען תשובה טון, דעמאלטס קומט דאך אויס אז דער גיהנום איז באשאפן פאר גארנישט?! קיינער וועט דאך נישט זיין אין גיהנום?! די גאנצע גיהנום וועט בלייבן ליידיג?! האט אים דער ראש ישיבה געענטפערט, דו קענסט אויך תשובה טון!

א אנדערע מאל האט א אנדערע בחור געפרעגט, אויב איר זאגט אז





מ'קען תשובה טון, דעמאלטס ווערט דאך דאס גורם זיין אז מ'זאל טון מער נישט גוטע זאכן, ווען איר וואלט נישט אזוי סאך גערעדט אז מ'קען צוריק קומען צום אייבערשטן און מ'קען תשובה טון, וואלט מען מער מורא געהאט צו טון עבירות. האט אים דער ראש ישיבה געענטפערט אז ער פרעגט גוט און אז "פריערדיגע" פרעגן שוין די קושיא, דער בחור האט אוועקשפאצירט מיט א נצחון'דיגע שמייכל, אז ער האט געווינען די וויכוח, און דער ראש ישיבה האט געשמייכלט אז ער האט געווינען א האלבע שעה, דורך זיך נישט טענה'ן מיט א שוטה).

מיטוואך פרשת וירא, אום אכטע צופרי, איז דער ראש ישיבה שוין געזיצן אין די ישיבה בנין, אין ליבערטי, קרית ברסלב, און געלערנט זיינע שיעורים. דער ראש ישיבה האט געדאוונט מיט די ישיבה, פארברענגט מיט זיי ביי פרישטאג. דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט דעם דף אין מסכתא קידושין. ביי לאנטש האט דער ראש ישיבה שפאצירט מיט די בחורים אויף די ארומיגע הערליכע שטילע גאסן און פארברענגט מיט שיינע שמועסן פון יראת שמים, סיפורי צדיקים און נאך. דער ראש ישיבה האט אויך גערעדט פון פארשידענע ווייטערדיגע פלענער אינערהאלב די מוסדות היכל הקודש ברסלב, צווישן אנדערע האט דער ראש ישיבה אויך געזאגט: דא ווערט נאך זיין פול באוואוינט מיט אידן, דא ווערט זיין פול מיט שטריימלעך.

2:30 איז געווען מנחה אין ישיבה .

פאר מנחה איז דער ראש ישיבה געווען ביי די "קרן הדפסה בנין" קלאפן מזוזות אויף נייע אפיסעס וואס האט זיך אויסגעפעלט אלס רעזולטאט פון די וואוקס פון די קרן הדפסה מיט אירע פארצווייגטע אפעראציעס (איין אפיס פאר די "קרית ברסלב בלעטל", איין אפיס פאר "the light of emuna")

**דא ווערט נאך זיין פול באוואוינט מיט אידן, דא ווערט זיין פול מיט שטריימלעך.**

מו"ה אשר יעקב בלום הי"ו וואס ער פירט די קרן הדפסה אזוי געניט און פראפעסיאנאל, מיט ווייניג פרסום און אסאך אויפטוען, האט מכבד געווען דעם ראש ישיבה שליט"א צו קלאפן די ערשטע מזוזה, דער ראש ישיבה האט געזאגט: איך האב שוין גענוג געקלאפט, און האט מכבד געווען מו"ה אשר יעקב הי"ו.

די נעקסטע מזוזה האט דער ראש ישיבה מיך מכבד געווען אלס מנהל הכולל (דער כולל האט אויך א אפיס אין דעם בנין).

די דריטע מזוזה האט דער ראש ישיבה מכבד געווען דעם חשוב'ן נדבן וואס איז געקומען ספעציעל צו פארן אויף די בקשה פון מו"ה לייבי ראטה הי"ו וואס ער געבט זיך אוועק בלב ונפש צו שאפן די נויטיגע סכומים אדירים אז די קרן הדפסה זאל קענען טון איר הייליגע ארבעט אומגעשטערט. די לעכטיגע ספרים וואס באשיינען די וועלט און דערמאנען אידישע קינדער אז דער אייבערשטער איז דא און מ'קען רעדן צו אים, ווערן טאג טעגליך געדרוקט אויף די ריזיגע מאשינען






וואס זענען געווארן אייגעקויפט מיט די הילף פון נדבנים וואס מו"ה לייב הי"ו איז מיט זיי אין כסדר'דיגן קאנטאקט להגדיל תורה ולהאדירה.

דערנאך בין איך געלאפן אין כולל דאווענען מיט די צוויי אזייגער מנין פון דעם דיין שליט"א, כ'האב נאך געדארפט ארגאניזירן עטליכע קלייניגקייטן פאר די כולל מסיבה ביינאכט, בבית אחי היקר מו"ה ר' יואל הי"ו גבאי דבית המדרש עצתו אמונה אויף די טווין ברידזש גאס.

דערנאך האב איך געמאכט מיין וועג צו די חלום וואס רופט זיך "ברסלב'ע קימפעטארן היים".

כ'האב באמת נישט געגלייבט מיינע אויגן, כ'בין ארויף דעם שענסטן בארג אין גאנץ ליבערטי, פון דארט ארויף העכער, אויף די גאס וואס פירט צו די קימפעטארן היים, פון דארט פאר איך ארויף העכער, אויף די פרייוועט ראוד וואס איז באוואקסן פון די זייט מיט באצויבערנדע שמעקעדיגע פרוכטביימער (געפלאנצט מיט לאנגע יארן פריער), די הערליכע פאנאראמישע mansion שטייט אויף א גאר הויכע שפיץ, פון וואו מ'זעט אטעם-פארכאפנדע בערג פון מיילן אוועק, כ'קום אריין צו די הערליכע געדעקטע "שבע ברכות טישן", איך ציפ מיר אויפ'ן שטערן, צו בין איך יעצט אין א חלום? צו בין איך אין ריאליטי?

ברסלב? קימפעטארן היים? צו איז דאס וואר? צו בין איך אויף planet earth?

וואס גייט ברסלב האבן נעקסט? א שפיטאל? I wouldn't be schocked.....

איין מזוזה האט דער ראש ישיבה ארויפגעלייגט, דערנאך האט מען מכבד געווען מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו וואס ער מיט זיין ווייב האבן אריינגעלייגט קאפ און מח אז דער קימפעטארן היים זאל ווערן א פאקט.

ביי די סעודת שבע ברכות האט מען געהערט פון ר' אייזיק אינטערעסאנטע פרטים וואס האט זיך אפגעשפילט פון ווען מ'האט "גערעדט" פון די קימפעטארן היים ביז ס'איז שוין א מציאות, ברוך השם. ר' אייזיק האט ארויסגעברענגט אז די גאנצע צייט האט ער נישט אויפגעהערט צו בעטן דעם אייבערשטן אז די זאך זאל זיך רוקן פאראויס ווי שנעלער, און אז מ'זאל האבן די זכי' צו קענען דא האבן א שבע ברכות און אז דער ראש ישיבה זאל קענען דא זיין, ר' אייזיק האט אויסגעפירט אז די גאנצע קימפעטארן היים איז "א מעשה פון תפלה".

**איך ציפ מיר אויפ'ן שטערן, צו בין איך יעצט אין א חלום? צו בין איך אין ריאליטי?**

מ'האט געהערט א שיינע רעדע פון מיין טייערע מחותן מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו, ווי אזוי ס'האט אויסגעזען דער מצב ווען די עטליכע משפחות האב אריינגעלייגט די קינדער אין ברסלב פאר פופצן יאר צוריק, ווי שיין אלעס רוקט זיך שטייטעלעך פאראויס. ר' אהרן האט זייער שטארק באדאנקט דעם ראש ישיבה פאר די לעבנס-וויכטיגע אויפטו פון חתונה מאכן אומזיסט (דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די זכי' אז אונזער חתונה איז געווען די





ערשטע אומזיסטע חתונה, ווען מיין זון מו"ה הערשל הי"ו איז געווארן א איידעם ביי מו"ה אהרן נ"י)

ר' אהרן רישט זיך צו מאכן, בעזרת השם, בשעה טובה ומוצלחת, די זעקסטע חתונה אומזיסט! די ז-ע-ק-ס-ט-ע א-ו-מ-ז-י-ס-ט-ע חתונה!!! ביי טייל זאכווייסער'ס הערשט א לעגיטימע פחד אז אויב מ'זאל לאזן די ברסלב'ע יאנטשי מענטשן אזוי אנגיין מיט די אומזיסטע "קולט" חתונות, וועט מען נאך באלד זען פאלנע ארבייטערס ארומגיין אן קיין ברעקל חובות! מ'מוז באצייטנס אפשטעלן די פארברעכן פון אומזיסטע חתונות! מ'מוז זען אז דערווילעם זאל ווייטער בארגן און זארגן אז דער דריטע קאזין זאל האבן א עכטע ווידל פון א עכטע סעלמען פיש פון די עכטע אטלאנטיק אושען, און דער מחותן זאל עכט ווערן דערטרינקען אין א ים פון עכטע חובות צו באצאלן פאר עכטע מוזיק און עכטע בלומען פאר א חתן און א כלה וואס ווייסן עכט נישט וואס איז די תכלית אין לעבן אויסער אויסזויגן פון די עלטערן טייערע זאכן.

(עס איז צום באוואונדערן ווי אזוי ר' אהרן נ"י האט געטראפן א היתר אוועקצוגיין פון די מסורה פון נעמען א זינגער אויף א חתונה וואס אט די ביי-די-עלטער-עלטער-עלטער-מו מע-פארהייליגטע "מסורה", האט זיך אנגעהויבן אזוי שפעט ווי ה' אלפים תש"ס, די זעלבע יאר ווי מ'האט איינגערעדט ביליאנען מענטשן אז y2k גייט חרוב מאכן די וועלט, און מוהרא"ש זכותו יגן עלינו האט דעמאלטס געשפעט פון מענטשן וואס האבן געקויפט גאנצעטע קעסטלעך וואסער און טישו'ס).

ר' אהרן האט אויך באריררט די ווייטאגליכע נקודה אז אין פארשידענע פעלער קען שטילערהייט ווערן א שטיקל ריס צווישן מאן און ווייב ביים חתונה מאכן א קינד, ווייל מ'מוז צושטעלן טייערע זאכן וואס מ'האט נישט קיין געלט דערפאר, און דער מאן האלט אז די ווייב ספענדט צו סאך, און די ווייב האלט אז דער מאן איז דער וואס דארף צאמציען דעם פאסיק, און די רעזולטאטן קענען זיין צומאל גאר אומבא'טעמ'ט.

מ'האט געהערט שיינע דיבורים פון דער ראש ישיבה שליט"א, דער ישיבה האט בתוך הדברים דערמאנט אסאך זאכן אין די מוסד וואס האט זיך אנגעהויבן דורך ר' אייזיק און זיין ווייב שיחיו.

ר' אייזיק האט ארייגעלייגט זיין זון ביים עפענען דעם מוסד, און ווען מ'האט ארויסגעווארפן זיינע טעכטער פאר'ן "חטא" פון שיקן אין ברסלב האט ער א לאנגע צייט געבעטן מוהרא"ש מ'זאל עפענען א ברסלב'ע סקול, ביז מוהרא"ש האט געשריבן זיין באקאנטן בריוו אז מ'זאל עפענען א סקול.

דער ראש ישיבה האט אויך באריררט די פריערדערמאנטע נושא פון די אומזיסטע חתונות אין ברסלב, דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט אז ר' אייזיק מיט

**אויב מ'זאל לאזן די ברסלב'ע יאנטשי מענטשן אזוי אנגיין מיט די אומזיסטע "קולט" חתונות, וועט מען נאך באלד זען פאלנע ארבייטערס ארומגיין אן קיין ברעקל חובות!**



# אפשאנקען

זיין ווייב תחי' געבן זיך אוועק במסירת נפש אז די חתונות זאלן קלאפן פונקטליך ווי עס דארף צו זיין, מ'איז מסדר ביי יעדע חתונה, ווער קאכט די פלייש, ווער ברענגט א קוגל, ווער ברענגט פיש, ווער ברענגט סאלאט, ווער ברענגט חלות, ווער ברענגט מזונות, און אזוי ווייטער, מ'איז מסדר דרייווערס וואס זאלן ארומגיין אפנעמען די פרישע היימישע נארהאפטיגע "יאנטשי" "פלעינע" "נעבעכדיגע" מאכלים.

דער ראש ישיבה האט זיך באדאנקט פאר דעם מחותן מו"ה ישראל חיים נ"י פאר'ן פירן דעם בית המדרש לקוטי מוהר"ן צו די צופרידנהייט פון אלע מתפללים.

מען האט געפרעגט דעם ראש ישיבה אויב ער וואלט געקענט באשיינען די כולל מסיבה אין בית המדרש עצתו אמונה, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער מוז אהיימפארן צו העלפן זיין ווייב לייגן שלאפן די קינדערלעך.

דער ראש ישיבה האט זיך אריינגעזעצט אין זיין קאר און אהיימגעפארן, און איך האב מיך אריינגעזעצט אין מיין קאר און געמאכט א סאך הכל וואו ברסלב איז אנגעקומען זייט די קליינע חדר האט זיך געעפנט...

ממש נישט צום גלייבן...

אז מ'האט סבלנות, מ'ווארט מיט געדולד קומט מען אן צו שיינע זאכן.

אזוי סאך מענטשן האבן געהאלטן מוהרא"ש פאר א דורכפאל, און זיינע ספרים זענען מחי' טויזנטער מענטשן אין אלע עקן וועלט.

מוהרא"ש איז געזיצן אין א קליינע דיינונג רום אויף זיבן און פערציגסטע גאס צווישן אכטע און ניינטע עוועניו, און געשריבן ספרים וואס האבן לעכטיג געמאכט די לעבן פאר אומצאליגע מענטשן.

אינדרויסן האט מוהרא"ש געהאט א סיין (א טאוול, א שילד) וואו עס איז געשטאנען מיט גרויסע ווערטער "מתיבתא היכל הקודש ברסלב".

איר גייט אריין אינעווייניג און איר זעט "איין בחור"!

יא! נישט קיין וויץ! איך וועל אייך זאגן דעם נאמען! איר קענט רעדן מיט אים!

דער בחור איז הגאון רבי משה קורץ שליט"א דער דיין פון יבנאל.

"מתיבתא היכל הקודש ברסלב" וואס האט אמאל אויסגעזען ווי עס האט נישט קיין שאנס, איז לכאורה פון די גרעסטע "success stories" וואס איז א lesson in life אז אפילו די גרעסטע דורכפאל קען ווערן א סוקסעס!

געדענק! די שוועריגקייטן גייען אדורך און די נחת בלייבט!

נישט אויפגעבן! דו קענסט יא מצליח זיין!

**לייף איז גוד. לייף איז יאמם.**



מוהראש גיבט א שיעור פאר די בחורים אין מתיבתא היכל הקודש בארא פארק



# א מעשה פון א צדיק

## איך בלייב ביים רבי'ן

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד ר' לִיפָּא, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר, אֵייגְמָאל אִיז עֶר גֶעפָארְן אוֹיף אַ גְרוֹיסֶע יְרִיד הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט קוֹדֶם גֵיין צוּם רֶבִּי'ן.

בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט אִים דִי הוֹיט גֶעבְּרֶענְט אוּן עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוַוארְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל שׁוֹין עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה, כְּדֵי עֶר זָאל שׁוֹין קֶענֶען פָארְן מַאכְן גֶעלְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אַלֶעס גֶעזֶען הָאט עֶר אִים מְרַמֵּז גֶעוֶוען אִינְמִיטְן דִי תּוֹרָה אַז עֶס שְׁטֵייט אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר (תִּיקוּן ג) "חִיַּכְתְּ בְּהוֹן בְּעוֹתָרָא בְּהַאִי עָלְמָא, וּלְבָתַר קְטִילַת בְּהוּ", גֶעלְט לַאכְט צוּם מֶענְטְשׁ אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, אוּן שְׁפֶּעטֶער הַרְגְ'עט עֶס דֶעם מֶענְטְשׁ", דֶער רֶבִּי הָאט אִים מִיט דֶעם גֶעוָואלְט מְרַמֵּז זַיין אַז נִישְׁט אַלֶעס אִיז גֶעלְט. נָאךְ שַׁבָּת אִיז עֶר אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶר אִיז מֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען וַוייל עֶר הָאט זִיךְ בַּאלֵיידִיגְט.

יָארְן שְׁפֶּעטֶער הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעטְרָאפְן אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "לִיפָּא, וואוּ בִּיסְטוּ אַנְטְלָאפְן, עִמָּנוּ הֱיִיתֶם? הָאט אִים ר' לִיפָּא גֶעזָאגְט: דֶער רֶבִּי הָאט מִיךְ פַארְשֶׁעמְט, מֵיינֶענְדִיג דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים מְרַמֵּז גֶעוֶוען וֶועגְן דִי גֶעלְט, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: לִיפָּא, פוּן אַזַא רֶבִּי'ן גֵייט מֶען אַוֶועק? זָאל דֶער רֶבִּי נֶעמֶען אַ דְרָאנְ"ג (אַ דִיקֶע הָאלְץ) אוּן מִיךְ שְׁלָאגְן וֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין.



זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרֶעפְט אַ רֶבִּי וָואס הֶעלְפְט אִים אִין גֶעט אִים עֵצוֹת צוּ הָאבְּן אַ לֶעבְּן, אִיז אֲפִלּוּ דֶער רֶבִּי שְׁרַייט אוֹיף אִים, אָדֶער דֶער רֶבִּי שְׁמֵייכְלְט נִישְׁט צוּ אִים וְכוּ' וְכוּ', דַארְף מֶען הָאבְּן שֵׂכֶל אוּן זָאגְן וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: זָאל דֶער רֶבִּי נֶעמֶען אַ דְרָאנְ"ג אוּן מִיךְ שְׁלָאגְן וֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וָואס מִיט אִים אִיז גֶעוֶוען פַאר עֶר הָאט זִיךְ דֶערְוואוּסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מִיט אִים גֶעטוּן, אוּן וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֲלִישׁוּת הַדַּעַת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק "וַאֲשֶׁר כֹּחַ בָּהֶם לַעֲמוֹד בְּהֵיכַל הַמֶּלֶךְ" אֲפִילוּ דֶער צַדִיק אַלֵיין קְרִיגְט אוֹיף אִים, דָאךְ גֵייט עֶר נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם צַדִיק (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ק"ה).

(עצתו אמונה בהעלותך תשע"ו לפ"ק)



# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע



| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

## - נ"ג -

**פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶוען עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע.

* * *

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט כְּסֵדֶר הֶערְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס מְ'הָאט אִים דֶערְצֵיילְט נֵייעֶס אוּן מַעֲשִׂיּוֹת וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן מְ'הָאט גֶעזֶען בַּיים רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט גֶעהַאט בַּיי דֶעם אַ גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה.

גֶעוֶוענְלִיךְ פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי אַרַיינְפָּארְן פוּן דִי אַלֶע נֵייעֶס אוּן מַעֲשֶׂה'לֶעךְ, צוּ אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס פוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. אַסַאךְ מָאל אִיז פוּן דִי שְׁמוּעֶסְעלֶעךְ אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ לַאנְגֶער שְׁמוּעֶס פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין עֲבוֹדַת ה', אוּן צוּמָאל אִיז אֲפִילוּ גֶעוָוארְן פוּן דֶעם אַ גַאנְצֶע תּוֹרָה, אוּן סְ'הָאט אַלֶעס גֶעהַאט צוּטוּן מִיט דִי נֵייעֶס וָואס מְ'הָאט גֶעהַאט גֶעשְׁמוּעֶסְט פַארְדֶעם.

וֶוען דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט שְׁמוּעֶסְן מִיט מֶענְטְשְׁן, אֲפִילוּ סְתַם פְּשׁוּטֶע שְׁמוּעֶסְן, הָאט עֶר אֵייבִּיג זֵייעֶר גֶעצִיטֶערְט, זַיינֶע פִיס אוּן זַיין גוּף הָאבְּן זִיךְ גֶעוָוארְפְן אוּן גֶעצִיטֶערְט, אַזוֹי וַוייט אַז וֶוען עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אָנְלַאנֶען אוֹיף אַ טִישׁ, פְלֶעגְט דִי גַאנְצֶע טִישׁ מִיטְצִיטֶערְן, אוּן אוֹיךְ אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים טִישׁ.



דָאס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע יִרְאָה וָואס עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוער סְ'הָאט נִישְׁט גֶעזֶען דִי גְרוֹיסֶע יִרְאָה אוּן פַּחַד וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט כְּסֵדֶר, הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען אַזַא זַאךְ וִוי יִרְאָה. עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיף זִיךְ אַלֶע סָארְט חֵן אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט יִרְאָה, אַהֲבָה, אוּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע קְדוּשָּׁה, אִין יֶעדְן אֵבֶר אוּן גְלִיד.

עֶר אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעטוּן פוּן סֵיי וֶועלְכֶע סָארְט שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, וָואס מְ'קֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן, אוּן מְ'קֶען עֶס נִישְׁט טְרֶעפְן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אוּן צוּ דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען נָאר וַוייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט אִין תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גָאר אַסַאךְ, אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר לַאנְגֶע טֶעג אוּן יָארְן.

### שְׁנַת תקנ"ח

אֵיין טָאג, אִין אָנְהוֹיבּ וִוינְטֶער שְׁנַת תקנ"ח, אִיז ר' שִׁמְעוֹן גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ יֶעצְט עֶפֶּעס אַ נְסִיעָה וָואס אִיךְ דַארְף עֶרְגֶעץ פָארְן, אִיךְ וֵוייס אָבֶּער נִישְׁט וואוּ אַהִין". ר' שִׁמְעוֹן הָאט גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט, "וִוי אַזוֹי קֶען מֶען פָארְן, אוֹיבּ וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וואוּ מְ'וִויל פָארְן?", דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶּער גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ וֵוייס בֶּאֱמֶת נִישְׁט".

גְלַייךְ וֶוען ר' שִׁמְעוֹן הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אִיז עֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּגְרֵייטְן אַ וָואגְן מִיט פֶערְד אוּן אַלֶע אִיבְּרִיגֶע גֶעבְּרוֹיכְן פַאר אַ נְסִיעָה. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, "וֶועסְטוּ קֶענֶען מִיטְפָארְן מִיט מִיר?", הָאט ר' שִׁמְעוֹן צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס דֶען נִישְׁט?", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דִי רֵייזֶע קֶען זִיךְ פַארְצִיעֶן פַאר אַ וָואךְ אָדֶער צְוֵויי וָואכְן, אוּן אֶפְשָׁר פַאר אַ חוֹדֶשׁ אָדֶער אַ פֶערְטְל יָאר, אוּן אֶפְשָׁר אֲפִילוּ פַאר אַ הַאלְבּ יָאר אָדֶער אַ גַאנְץ יָאר. הָאט ר' שִׁמְעוֹן ווִידֶער גֶעלַאכְט אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי סְ'קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וִויסְן וואוּ עֶר פָארְט אוּן וִוי לַאנְג דִי רֵייזֶע וֶועט נֶעמֶען. וֶוען עֶר הָאט אָבֶּער גֶעזֶען אַז דֶער רֶבִּי מֵיינְט עֶס זֵייעֶר עֶרְנְסְט, עֶר וִויל טַאקֶע זִיךְ אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיפְ'ן וֶועג, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר לָאזְט אַלֶעס אָפּ אוּן עֶר וֶועט מִיטְפָארְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אֲפִילוּ אוֹיבּ דִי נְסִיעָה וֶועט זִיךְ פַארְצִיעֶן פַאר גָאר אַ לַאנְגֶע צַייט. אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְ'ן וֶועג וָואס פָארְט קַיין מֶעזֶעבִּיזְשׁ.

אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט ר' שִׁמְעוֹן גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן דוּרְכְצוּפָארְן דֶעם דָארְף וָואלְחִיוִויץ, אוּן דָארְט הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶענוּמֶען נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ וָואס זָאל מִיטְפָארְן מִיט זֵיי, אוּן דֶערְוַוייל הָאט דֶער רֶבִּי נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ עֶר פָארְט.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"**

מיט א טיפערן בליק!

# מיין ריטייערמענט פלאן



ישראל דוד העסקעל

די פיאות טראפט אים נאך פון די מקוה. די וועטער אינדרויסן איז נישט קאלט און אויך נישט הייס אבער פארוואלקנט. די נעקסטע מנין שטעלט זיך ערשט אין צוואנציג מינוט און ער דרייט זיך און דרייט זיך. ער האלט שוין ביים לעצטע שלונג אינעם קאווע גלעזל, נאך א פערטל פונעם קאצקע צוקער ליגט אים אין האנט און וואס גייט מען יעצט טון צוואנציג מינוט???

דער טעראפיסט / בחורים מבין / שלום בית פארשטייער - וואס איז גראדע אן איידעם ביי אן שטיקל עושר וואס האט א שול און דעריבער זענען זיינע איידעמער שוין בנש"קלעך - דרייט זיך און זוכט איינעם אין וועמען זיך אנצוקלעבן פאר די נעקסטע צוואנציג מינוט. איידעלערהייט שפאצירט ער צו צו מיר און פרעגט: "נא וואס זאגסטו עפעס? פארצייל עפעס?"

וואס גייט זיין די עתיד פון די גאנצע מלחמה? וואס טראכסטו? דו ווייסט וואס איך קען נישט פארשטיין, ווי אזוי קען די וועלט יעצט זיין אויף די זייט פון די אראבערס ימ"ש, דאס גייט מיר נישט אריין אין קאפ, זענען זיי בלינד? זיי האבן נישט מיטגעהאלטן די בארבארישע אַקטן וואס די חברה האבן געטון? (דא קומט אריין א טיפע אטעם) ממש איך שלאף נישט ביינאכט!




מיינע אויגן זענען צוגענאגלט צו די נייעס איך קען זיך נישט אפטשעפענען פון דעם!

דו ווייסט אז דעם שבת איז געווען אין צענטראל לאנדאן - דא קוים צוואנציג מינוט אוועק - א מאסן ראלי אין שטיצע פון די אראבער מיט איבער הונדערט טויזנט באטייליגטע? דו ווייסט וואס דאס מיינט?

איך ווייס נישט און איך פארשטיי נישט ווי אזוי מענטשן גייען אן מיט זייערע טאג טעגליכע לעבן אין דעם מצב, ס'איז צרות, מענטשן כאפן נישט...

וואס גייט מיר ממש נישט אריין אין קאפ איז די שטיצע און סופארט וואס די פאלעסטינער באקומען, אזעלכע געמיינע חברה, רוצחים ימ"ש, איך שלאף מיט אין אויג אפן ביינאכט ווער ווייסט וואס מיט אונז וועט זיין?

עניווועי, דער אייבערשטער וועט העלפן!



וואס נאך?

דו ווייסט דאך אז איך האב א בחור אין די יארן, איך דארף א גוטע שידוך פאר אים, אפשר האסטו עפעס א געדאנק?

איך קען טראכטן, וואס זוכסטו?

הע וועסט לאכן, איך וועל זיין אפן מיט דיר, איך האב אויך קיינמאל נישט געטראכט אז איך גיי זיין פון די סארט מענטשן אבער - - איך זוך געלט! אויב איז נישט דא קיין געלט איז נישט דא בכלל וואס צו רעדן! איך מיין נישט סתם אפאר דאלאר, איך מיין געלט, עכטע געלט, פולי לאודעד!

איך בין נישט דווקא שטאלץ פון מיר אז דאס איז וואס איך זוך... אבער דאס איז עס, מיינע קינדער האבן חתונה נאר מיט געלט!

אה און נאך איין זאך - ס'מוז זיין א אמעריקאנע שידוך.

פארוואס דווקא אמעריקע אויב מעג איך פרעגן?

יא אוודאי לאמיך דיר מסביר זיין; מיין שווער גייט דאך נישט לעבן פאר אייביג, און זיין שול גייט זיין זון איבערנעמען, און שוין יעצט נאך פאר די ירושה קען איך זיך מיט אים נישט אויסקומען... איך וויל אפילו נישט טראכטן וואס וועט זיין ווען ס'גייט קומען צו ירושה און ער גייט ווערן די רב אינעם שול, איך וועל דארט זיכער נישט קענען דאווענען...

און איך האלט נישט ביים ווערן א גלות איד זיך דארפן טרעפן א נייע שול ווי א לאָזער... דעריבער פלאן איך שוין יעצט ווי אזוי די פיוטשער גייט זיין.

איך מאך חתונה אלע מיינע קינדער קיין אמעריקע און אזוי ווי מיין שווער מאכט צו די אויגן ה"י פאק איך פעק און איך מוף אהין!

פארשטייסט? זאל זיך מיין שוואגער האלטן די גאנצע רעביסטיווע, איך נעם מיין געלט און איך ווער נעלם... פארדעם דארף איך שוין יעצט זען אז מיינע קינדער זאלן אלע חתונה האבן קיין אמעריקע אזוי וועט אלעס פארן געשמירט...

כ'פארשטיי, דו ביסט דאך יעצט דער שיינעם בנש"ק'ל, איז דו גייסט זיין דעמאלט בערך פופציג יאר לאמיר זאגן, איך קען זיך אויסמשל'ן ווי אזוי ס'גייט אויסקוקן; שיפע טאשן האסטו שוין, אויפן פליגער אויף די וועג קיין אמעריקע גייסטו זיך ארויפשווערצן אומבאמערקטערהייט שווארצע זאקן, אזוי ווי דו גייסט לַאנדן פארסטו גראד צו די 'ווי איי פי רעבישע בעקיטשע געשעפט', זיך אויסוועלן א פאסיגע בעקיטשע. ער גייט דיר ווייזן שיינע געבלימטע בעקיטשעס, און דו וועסט זאגן 'ניין נישט אזוי שרייעדיג, ביי אונז איז מען געגאנגען מער איידל'. און דער געשעפטסמאן גייט שמייכלען און דיר פרעגן 'ס'איז די ערשטער מאל דו קויפט אזא רעבישע בעקיטשע'? אה?

און דו גייסט שטיין אזוי אומבאקוועם מיט א האלבע שמייכל און זאגן 'נא נא יא יא איר ווייסט דאך מ'האט זיך געפירט...' און ער וועט דיר זאגן 'נישט קיין פראבלעם איך וועל דיר ברענגען א "מתחיל" בעקיטשע...'

פון דארט וועסטו זיך גיין אויפזוכן עפעס א גבאי א בחור'ל זאל דיר דרייוון, טראגן און ברענגען... פארשטייט זיך מיט א געהעריגע רעבישע קאר ווי ס'פאסט, און דו וועסט זיך בויען אזא צו גאט און צו לייט שול ווי ס'איז א 'נאו דשאדשמענט זאון', דו וועסט זיין א רבי אבער אויך גוט מיט די ריכטיגע חברה. וועסט האבן א זילבער קאלעקציע פון דא ביזן הימל, און פארשטייט זיך מיט די יארן וועט צו קומען אפאר אינטערעסאנטע





תנועה'לעך אזוי עכט רעביש...

אזוי בערך גייט עס אויסקוקן, ניין?

ניין! איך האב אינגאנצן אנדערע פלענער פון וואס דו טראכסט, וואס מיינסטו איך דארף די אלע רעבישע מעשיות?

בכלל נישט!

הער אויס אויב ווילסטו טאקע וויסן וואס איך פלאן צו טון וועל איך דיר זאגן מיינע פלענער.

קודם - ריטייערן! דאס ערשטע איז איך ענדיג ארבעטן, מ'קען נישט דאס גאנצע לעבן ארבעטן אזוי ווי א פערד... איך ענדיג ארבעטן און איך הייב אן לעבן!

די ערשטע זאך איז גאלף!!! איך האב שוין לאנג גע'חלש'ט זיך צו דערלערנען שפילן גאלף, דאס טו איך ערשט, צוויי מאל א וואך מינימום פָאר איך ארויס אויפן גאלף קורס צו קנאקן א באלי'....

דערנאך איז איין מאל א וואך קייאקינג (שיפלען), אבער דאס איז מיט א התחייבות נישט דא קיין מעשיות, ווייסט וואס איך מיין? נישטא אזא זאך אויסלאזן א וואך. און בכלל דו ווייסט ווי געזונט דאס איז צו זיצן אויפן וואסער? סיי פאר די גוף און אויך פאר די מענטל העלט פונעם מענטש....

יעצט הער אויס, דאס גייט זיך שוין הערן ווילד, אבער דאס איז מיין פלאן פאר ריטייערמענט, איך גיי זיך קויפן א פיינעם שיפל און פאר א יאר צייט גיי איך ארומפארן איבער די וועלט זען אלע לענדער און אלע חכמות. פארברענגען עטליכע חדשים אינעם עמעזאן דשונגל... אוי וואס פארשטייסטו צו א לעבן?!

יא יא! דאס איז א שמועס וואס איך האב געהאט מיט א איד נישט לאנג צוריק, זיינע חלומות וואס ער האט אויף די עלטערע יארן...

שכח אייבערשטער אז מיר זענען פון דער בעל תפילה'ס מענטשן, וואס דער בעל תפילה האט אונז געזאגט אז פון געלט זאלן מיר נישט רעדן נאר אנטלויפן דערפון!

שכח אייבערשטער אז מיר לעבן ווי דער תם, מיר פרייען זיך מיט וואס דער אייבערשטער גיט אונז, מיר דארפן נישט גיין זוכן חכמות אין אלע לענדער, און גיין באזוכן אינעם עמעזאן דשונגל, נאר מיר באזוכן אין אלע חלקי התורה יעדן טאג, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט אונז אויסגעלערנט צו טון חומש, משניות, גמרא מדרש און אזוי ווייטער!

שכח אייבערשטער אז מיר זענען זוכה צו זיין מקורב צו א צדיק אמת וואס לערנט אונז אויס וואס מיינט א לעבן, לעבן מיט אמונה מיט זיכרון מעלמא דאתי, מען בלייבט נישט אייביג דא.

א זיסע לעבן איז נאר דא אין מיין הויז מיט מיין ווייב און קינדערלעך, א פרייליכע לעבן האט מען מיט זאגן משניות און זאגן גמרא! נישטא וואו צו אנטלויפן נישט דא קיין גליקן אויפן גאלף קורס, דער ראש ישיבה לערנט אונז אז אלעס ליגט ביי דיר אין האנט פריי זיך מיט דיין שטוב און מיט דיין משניות וועט דיר זיין גוט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט!



# סעודה מיטן ראש ישיבה

סעודת שבת קודש אינדערפרי

פרשת ראה תשפ״ג חלק ב׳



## החתן חיים מאיר ערפס נרו יאיר פארצייטלט
## חלק ב׳ פונעם סעודה:

פארגאנגענעם וואך האט מען ארויסגעברענגט שיינע נקודות פונעם סעודה, אבער וואס מען קען נישט ארויסברענגען איז די לופט די פרייליכקייט און אנגעצויגנקייט, און פון די אנדערע זייט קען דער ראש ישיבה זיין זייער שטרענג מיט די קליינע קינדער.

(איך האב באמערקט אז ווען עס זיצט ביי די סעודה אינגעלייט אדער מלמדים וועט דער ראש ישיבה זיין מער שטרענג צו די קינדער אויף קלייניגקייטן צו ווייזן פאר די מחנכים א וועג אין חינוך אז שטרענגקייט איז רחמנות).

אלעמאל איז דא א מורא׳דיגע דרך ארץ, אבער די קינדער זיצן נישט מיט פחד, אויב א קינד דארף עפעס וועט ער בעטן למשל ער דארף נאך חלה וועט ער בעטן נאך, נישט אז זיי זיצן און ציטערן צו עפענען די מויל, ס׳איז מורא׳דיגע פרייליך אבער אויך ערנסט און דרך ארץ׳דיג. א פרייליכקייט מיט א דיסציפלין.

א קינד קען איבערפרעגן אדער איבערזאגן א זאך אפאר מאל, און דער ראש ישיבה הערט אויס יעדן מאל פון פריש, און שמייכלט צום קינד און איז מסביר יעדע זאך אויף זיין לעוועל.

### מחנך זיין די קינדער

נחמן נתן שטעטל (דער ראש ישיבה׳ס אייניקל) האט געזאגט פאר דער ראש ישיבה אז זיין רבי האט געזאגט ווען מען מאכט צו די אויגן זאל מען טראכטן י׳ ק׳ ו׳ ק׳. האט דער ראש ישיבה ארויסגעוויזן א שטארקע אינטערעסע און זיך אנגערופן: ״יא אזוי האט דיין רבי געזאגט? אויך מיין רבי זאגט אז מען זאל אזוי טראכטן״.

מען האט געמאכט וויצן ביים סעודה, דער ראש ישיבה האט געפרעגט די קינדער: ״וועלכע זאך האט האר און האט נישט קיין הענט און קיין פיס? א שייטל! ס׳איז האריג, און ס׳האט נישט קיין הענט און קיין פיס!״

דער ראש ישיבה איז אריין אין א שמועס פון צניעות, וואס איז שיין? א שפיגל איז שיין עס שטייט די בעסטע אויפן פנים!

דער ראש ישיבה האט מיר געפרעגט ביזט מסכים צו נעמען א פרוי מיט א שפיצל, האב איך געזאגט איך בין מסכים אפילו מיט א שייטל... האט דער ראש ישיבה געזאגט אפילו מיט א שייטל זאלסטו נישט אפזאגן א שידוך.

נחמן נתן שטעטל האט געבעטן א פאקסי פאר זיין קליינע שוועסטער, האט ער געזאגט פאר דער ראש ישיבה אז מלכי האט ליב דער אייבערשטער און זי גלייכט א רויטע פאקסי מיט א שטעקן.

**דער מענטש איז מיין טאטע, און איך האב געוויסט אז מיין טאטע וועט מיך נישט לאזן פאלן!**

דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין ווייב, איז דאס נחת אדער סתם קיוט (זיס)? האט דער ראש ישיבה געזאגט איך מיין אז ס'איז קיוט, נחת איז אז דו האסט קינדער וואס רעדן צום אייבערשטן, זיי גייען הפצה, און לערנען און דאווענען.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מען דארף מחנך זיין קינדער ווען זיי זענען יונג, נישט זאגן אז ס'איז קיוט, נאר זיי זאגן וויאזוי זיך צו פירן.

נאכדעם האט מען געטאנצן פרייליך אויפן ניגון ונשגב ד' לבדו.

## 'ביר' אותיות 'רבי'

איך האב געפרעגט דער ראש ישיבה פארוואס געבט מען ביי א שלום זכר 'ביר' מיט 'זכר בונדלעך'? האט דער ראש ישיבה געזאגט אז זכר בונדלעך איז א עסן פון אבלים, ווייל דער קינד פארן געבוירן האט ער געלערנט תורה, ביים געבוירן האט דער מלאך אים געגעבן א פליק און ער האט פארגעסן די גאנצע תורה, אים איז געווען גוט פאר דעם ווייל ער האט געלערנט תורה. וועגן דעם עסט מען זכר באנדלעך ווייל מען איז מנחם אבל די בעיבי.

האב איך געפרעגט דער ראש ישיבה פארוואס טרינקט מען ביר? האב איך געזאגט אז מען קען אפשר זאגן אז ביר טרייסט אים ווייל 'ביר' איז די אותיות 'רבי', האט דער ראש ישיבה געשאקלט מיטן קאפ, און שפעטער ביים באטע האט עס דער ראש ישיבה נאכגעזאגט.

## אפאר הלכות פון שבת

ביים סעודה האט דער ראש ישיבה א גאנצע צייט געזאגט: דער אייבערשטער איז אזוי גוט, איך קען נישט אויפהערן דאנקען דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים וואס ער טוט מיט מיר.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז שבת ביינאכט געבט מען קידוש ווין פאר אלע קינדער פון געבוירן, און דער ראש ישיבה האט געזאגט זיין איידעם צו געבן קידוש פאר זיין נייע געבוירענע בעיבי.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ווען מען עסט פיסטעטשיו ניסלעך זאל מען נישט לייגן די שאלאכט'ס אויפן טיש ווייל די טיש ווערט מוקצה, האט איינער געפרעגט וואס איז מיט שווארצע פאפיטע'ס און דאס גלייכן? האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מען קען עסן די שאלאכט'ס פון דעם במילא איז עס נישט מוקצה.

האט דער ראש ישיבה געפרעגט דעם עולם: ווי אזוי שיילט מען אייער שבת? און דער ראש ישיבה האט געענטפערט מען שיילט עס העכער די מיסט, ווייל אויב מען שיילט אויף די קאונטער וועט מען נישט מעגן אוועק נעמען די שאלאכט'ס ווייל ס'איז מוקצה.

## מען ענדיגט יעצט האלב ש"ס



איינער האט געבעטן דער ראש ישיבה ער זאל דערציילן די מעשה פון סיביר און דער ראש ישיבה האט פארציילט.

ר' מענדל פוטערפאס ז"ל איז געווען אין סיביר, איינמאל האט מען זיי צאמגענומען א קונצלער איז געקומען און ער האט אויסגעצויגן א שטריק צווישן צוויי בערג און געפרעגט "ווער וויל זען ווי איך גיי אריבער פון איין בארג צום צווייטן?" אלע האבן געציטערט, אבער ער איז אריבערגעגאנגען אן קיין פחד.

נאכדעם האט ער געפרעגט "ווער וויל זען ווי איך גיי אריבער מיט א קערידזש?" אלע האבן מורא געהאט צו זאגן יא, אבער ער איז אריבער מיט רואיגקייט. נאך אפאר מאל אריבערגיין האט ער געפרעגט "ווער וויל זיך אריינזעצן אין די קערידזש?" קיינער האט זיך נישט אנגערופן, נאר איין קליין מיידל האט געזאגט אז זי איז

גרייט זיך אריינצוזעצן. אלע האבן איר אנגעשריגן "וואס טוסטו דא? טו עס נישט", אבער זי איז געגאנגען. און ער האט איר אריבערגעפירט בשלום.

נאכדעם האט מען געפרעגט די מיידל "ווי אזוי האסטו נישט מורא געהאט צו אריינגיין אין די קערידזש? האט זי געזאגט "דער מענטש איז מיין טאטע, און איך האב געוואוסט אז מיין טאטע וועט מיר נישט לאזן פאלן"... דאס איז געווען איינע פון די זאכן וואס האט אים געהאלטן אין סיביר אז דער וואס ברענגט די שוועריקייטן, דער וואס גייט מיט אים מיט אויף די שטריק איז זיין טאטע און ער גייט אים נישט לאזן פאלן.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געבעטן איך זאל עס זאגן אין גראמען און איך האב אויסגעגראמט די מעשה.

### הפצה מיט א טעלער טשולענט

איינער איז אריבערגעגאנגען נעבן פענסטער אן א קאפל און דער ראש ישיבה האט געזאגט ער זעט אויס ווי א איד, מען זאל אים אריינרופן. האט אים נתנאל געפרעגט צו ער וויל ארויפקומען צו די סעודה און עסן טשולענט, צום סוף האט זיך אויסגעשטעלט אז ער איז א זון פון דער וואס האט א דירה אויף די שטיגלידש גאס, ער ווייסט נישט פון קיין אידישקייט צו זאגן. איך בין אראפגעלאפן אים אפווארטן ביים טיר און אים געגעבן א קאפל. ער האט געזאגט אז ער גייט יעצט שפאצירן ארום די שטעטל ער איז שוין נישט געווען דא אפאר יאר, און ער זעט ס'טוט זיך דא פרישע הייזער.

דער ראש ישיבה האט געזאגט איך זאל אים מאכן באקוועם, מען האט אים מכבד געגעבן מיט א פיינע טעלער טשולנט לכבוד שבת קודש. דער ראש ישיבה האט אים פארציילט אז מען האט איבערגענומען די טשעסנאט שול ווי ער פלעגט דאווענען אין די קינדער יארן, קודם איז די שול געווען ארטאדאקסיש, נאכדעם איז עס אריבער צו רעפארעם און שפעטער צוריק ארטאדאקסיש, נאכדעם האט די עולם אוועקגעמופט.

איך האב געפרעגט דעם ראש ישיבה פארוואס ס'איז דא אזויפיל פארלאזטע שולן, ס'איז דאך געווען א ערליכע געגנט כדי צו קענען היטן שבת? האט דער ראש ישיבה געזאגט אז זיי זענען געווען ערליך אבער זיי האבן נישט מחנך געווען די קינדער, זיי האבן עס נישט איבערגעגעבן פאר די קינדער, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט "אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך געטון" דאס איז די וויכטיגסטע זאך, אזוי ווי מען זעט די אלע וואס שעמען זיך מיט ברסלב זייערע קינדער בלייבן נישט ביים רבי'ן, און פארקערט די וואס שעמען זיך נישט, זייער גאנצע שטוב לעבט מיט דער רבי.

ס'איז אויך דא א טעות וואס מענטשן מאכן, ווען מען זוכט צו א דירה, מען זוכט וואו מען קען טרעפן א בעסערע הויז, האט דער ראש ישיבה געזאגט די ערשטע זאך קוקט מען צו מען האט א מוסד פאר די קינדער, צו מען האט א מורה דרך, דאס איז די וויכטיגסטע זאך, א ערליכע שול א ערליכער מורה דרך, און א ערליכע מוסד פאר די קינדער, אז נישט וועט גארנישט בלייבן.

נאכדעם האט מיר דער ראש ישיבה געבעטן איך זאל אים אויסגראמען אויף ענגליש, איך האב אויסגעגראמט וואס מען האט גערעדט אז מיר פרייען זיך אז ער איז געקומען, מיר האבן שענער געמאכט זיין שטעטל און ער איז וועלקאם עני טיים.

ער האט פארציילט אז ער פלעגט גיין אין שול מיט זיין קאר ווייל ס'איז געווען צו ווייט צו וואקן, ער איז געווען ווי מען רופט עס יהודי בלב, דער ראש ישיבה האט געזאגט ער איז נעבעך א תינוק שנשבה ער ווייסט נישט פון זיין חיות צו זאגן, ער ווייסט נעבעך אז מען האט א מגן דוד, מען איז א ציוני דאס איז אידישקייט.

**די ערשטע זאך ביים זוכן א דירה קוקט מען צו מען האט דארט א גוטע מוסד פאר די קינדער, און א מורה דרך!**

שפעטער האט מען זיך אויפגעשטעלט טאנצן מיט אים ער איז געווען זייער איבערגענומען ער האט זיך זייער שטארק באדאנקט.

עס איז געווען זייער אינטערעסאנט צו זען אז מען קען מאכן הפצה מיט געבן א איד א טעלער טשולנט און אים פרייליך מאכן, וואס פון דארט און ווייטער קען מען שוין אים אריינברענגען שיינע נקודות וויאזוי צו לעבן מיטן אייבערשטן.

מענטשן מאכן מיט אין לעבן, מ׳וויל פשוט אויפגעבן.
אזוי פיל מאך איך מיט, ווען וועט שוין זיין גוט.

זאכן טוען מיר שטערן, ווער קען מיר אויסהערן.
אזוי פיל טערעפי פראבירט, גארנישט האט זיך געריכט.

געלט געווארפן אין מיסט, טייערע צייט אומזיסט.
איך לויף אהין און אהער, איך קען עס נישט אויסהאלטן מער.

אפשר אן אויל וועל איך שמירן, צו בארוהיגן מיינע געפילן.
אדער מעדיצינען זאל איך נעמען, צו וועמען זאל איך גיין צו וועמען.

צומישט טו איך נאר ווערן, איך וויל נאר וועלן.
זיין רוהיג און האבן געדולד, מאכן פון מיין לעבן א נייע בילד.

באשעפער צו דיר איך גיי, איך הייב אן פון דאס ניי.
דו וועסט מיר העלפן, מיט וואס עס וועט נאר טרעפן.

אלעס וואס ליגט אויף מיין הארץ, וואס זעט אויס טונקל און שווארץ.
זאלסטו מיר גרינגער מאכן, איך זאל מיך גוט אויסלאכן.

איך בעט דיר אויף ווייטער, מיין ליבער פאטער.
יעדע מאל איך ציטער, העלף מיר ביטע.

איך זאל נאר אין דיר גלייבן, נאר ביי דיר בלייבן.
איך זאל פאר דיר פארציילן, מיין לעבן מיט דיר מיטטיילן.

א שאד צו רעדן צו מענטשן, וואס זיי קענען מיר סייווי נישט העלפן.
באשעפער צו דיר איך גיי, באשעפער צו דיר איך שריי.

זיי מיין טערעפיסט, שיק ווייטער נאר גוטס.

פאר די
# ברסלב'ע שטוב

מ. פאפנהיים

## זכרונות
### פון מיינע קינדערישע יארן

"מאמי! קענסט מיר דערציילן א מעשה?"

ענק שטעלן זיך זיכער פאר א שפיגלדיגע הויז, דער נאכטמאל ווארעמט זיך אויפן פלאם, און די קינדערלעך וואס זענען אנגעטון איייניג מיט צאמגענומענע האר אדער שטייף געקרייזלטע פאות, זעצן זיך אויס אויפן סאפע נעבן א רוהיגע געדולדיגע מאמע וואס רופט אויס מיט א ריזיגע שמייכל פן אויער צו אויער, "ווער וויל הערן די שיינע מעשה וואס מאמי גייט דערציילן?"

אזוי דארף עס זיין, נישט אזוי? אזוי זעט מען אין די מעשה ביכלעך און אזוי ווערט עס אראפגעלייגט אין די חינוך ארטיקלען וואס לערנען אויס ווי אזוי צו האבן א גוטע צייט צוזאמען מיט די קינדער.

למעשה האט מיין טאכטערל מיר געכאפט פונקט אין א פארקערטע מינוט פארשטייט זיך, איך האב שנעל פארענדיגט דעם נאכטמאל ווען די בעיבי האט זיך צו וויינט אין די זעלבע סקונדע וואס דער טעלעפאן האט זיך צוקלונגען, און זי איז אריינגעקומען אין קאך מיט א ביכעלע אין האנט און איר קוויטשעדיגע קול'כל:



"מאמי! קענסט מיר דערציילן א מעשה?"

יעצט??? א מעשה??? מיין קאפ האט זיך אנגעהויבן דרייען נאר פון הערן די שאלה. איך וויל אייך נישט אראפלייגן ווי די הויז האט אויסגעזען, איך האב נאר געוואלט זען די קינדער אפגעגעסן און געגאנגען שלאפן. אפשר אז מיינע קינדער וועלן אמאל אריינגיין פאלגזאם אין בעט, פארשטייט זיך אפגעבאדן און געליינט קריאת שמע ביים ערשטן מאל הייסן, וועל איך זיך קענען אוועקזעצן און דערציילן רוהיג א באלערנדע מעשה'לע ביז דער קינד וועט איינשלאפן אינמיטן...

אויב עס איז בכלל דא אזא מציאות...

אבער איין מינוט... אפשר פארקערט? דווקא יעצט אין א שוואכע מינוט ווען איך זע נישט ווי אזוי איך גיי קענען צאמנעמען דעם עולם צו עסן און שלאפן קען איך ניצן א מעשה אלס א גוטע עצה?

"ווייסט וואס פייגעלע? — דריי איך זיך אויס צו מיין טאכטער'ל וואס ווארט נאך אויף א ענטפער — מאמי גייט קוקן פארוואס די בעיבי וויינט און אכדעם וועלן אלע קינדער קומען עסן נאכטמאל, וועט מאמי קענען דערציילן א שיינע מעשה!"

זי לויפט פרייליך ארויס פון קאך, און שרייט אויס די גוטע נייעס פאר ווער עס וויל הערן.

איך גיי שנעל צו די בעיבי ווען דער גאנצע עולם קומט צולויפן אין קאך "מאמי גייט דערציילן א מעשה!"

אין א אויגנבליק זעצן זיי זיך אויס ארום דעם טיש און הויבן אן עסן מיט אפעטיט, איך קען זיי שוין נישט לאזן צו לאנג ווארטן, און איך הייב אן: "איינמאל איז געווען א גרויסער תנא, ער האט געהייסן נחום איש גמזו".

די אויגעלעך צינדן זיך אן מיט א פריידיגע ערווארטונג, און נחמן שרייט אויס: "איך ווייס פארוואס! ווייל אייביג האט ער געזאגט גם זו לטובה!"

"יא, יא, אפילו ווען עס איז געשען א שלעכטע זאך האט ער געזאגט גם זו לטובה, וואס דער אייבערשטער טוט, איז גוט!" אופס... וואס האט זיך דארט אויסגעגאסן? שרי רוק זיך אפ זאלסט נישט ווערן נאס, שלמה'לע גיי שנעל ברענגען א שמאטע, איך גיי ווארטן ביז דו קומסט צוריק און דעמאלט וועל איך ווייטער דערציילן.

"גם זו לטובה, וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט!" פייגעלע קוויטשעט מיט א האלב פולע מויל, און איך מוז זיך צושמייכלען... א מחי'! קוק ווי זיי לעבן און לאכן, איך פראביר נישט צו טראכטן פון די איבערגעקערטע צימערן, די בערג וועש, און דער טעלעפאן וואס איך האב געלאזט קלינגען... באלד, מארגן, איבערמארגן גייט אלעס ווערן מסודר. די קינדערלעך עסן אפ אסאך שנעלער און גרינגער אין באגלייטונג פון נחום איש גמזו מיטן קעניג, דימאנטן און זאמד. נאכן זאט ווערן, ווערן פארשוואונדן אלע פראבלעמען, זיי בענטשן פריילעך, און לויפן צוריק צו די שפילצייג, און איך הייב אן צו טראכטן פון מאכן נאכט.

צוביסלעך, צוביסלעך, מיט די הילף פון אלע גרויסע וואוילע קינדער, ווערט אביסל צאמגענומען די הויז, די קליינע פאלן אריין אין די בעטן מיד און פריילעך, און דער גרויסע שלמה'לע מוז מיר וויכטיג זאגן פארן שלאפן: "איך האב ליב ווען מאמי דערציילט אונז שיינע מעשיות. אויך אין חדר האב איך ליב די חומש, מען לערנט אזעלכע שיינע זאכן פון אברהם אבינו, יצחק און יעקב, און דער רבי דערציילט נאכדעם אזעלכע שיינע זאכן".

"אמת צדיק, די תורה איז זייער שיין, און איך געדענק אז איך האב אויך ליב געהאט די ווינטערדיגע פרשיות אלס קינד, און איך פריי זיך צו הערן אז דו האסט עס אויך ליב.



ער שאקלט פריילעך מיטן קאפ, און... "צדיק! אריין אין בעט!"

איך געדענק נאך טאקע ווי איך האב עס ליב געהאט, שיינע מעשיות אן קיין הלכות וואס מען מעג יא אדער נישט טון...

**אמת צדיק, די תורה איז זייער שיין, און איך געדענק אז איך האב אויך ליב געהאט די ווינטערדיגע פרשיות אלס קינד, און איך פריי זיך צו הערן אז דו האסט עס אויך ליב**

אברהם גייט קיין ארץ ישראל, ער קומט אן און ס'איז נישטא קיין עסן, גייט ער קיין מצרים... שרה איז שוין א עלטערע פרוי און דער אייבערשטער געבט איר א בעיבי... אלע פרייען זיך יעדער לאכט... יצחק וואקסט אונטער, די גאנצע פרשה פון די עקידה, שרה איז נפטר... יצחק האט חתונה מיט רבקה, און די געצעלט ווערט ליכטיג... עס זעט אויס פון אויבן אויף שיינע מעשיות, טאג טעגליכע פשוטע זאכן. און מען זעט אין אלע דורות אז ווער עס האט געלייקנט אינעם איינציגן באשעפער האט קודם אוועקגעמאכט די ערשטע חומש פון די הייליגע תורה, חומש בראשית.

ווייל דווקא די פשוטע טאג טעגליכע מעשיות איז דער יסוד פון אמונה, דער יסוד פון כלל ישראל. ווען מען לערנט ווי אזוי אברהם אבינו האט פארשפרייט דעם אייבערשטנ'ס נאמען אויף די גאנצע וועלט, זעען אונז ווי אזוי מיר קענען טון די זעלבע זאך.

פון ווען מען האט אריינגעווארפן אברהם אבינו אין פייער האבן זיינע קינדער באקומען דעם כח אויף אלע דורות צוגיין אויף קידוש השם. און ווען מען זעט אין די תורה ווי אזוי יצחק האט חתונה געהאט מיט רבקה און ס'איז צוריק געקומען די ברכה אין די טייג, די ליכט האט ווייטער געברענט א גאנצע וואך, און א וואלקן איז געווען איבערן געצעלט - לערנט מען אזעלכע שיינע וויכטיגע יסודות פאר א יעדע אידישע שטוב, אז שלום בית דאס איז אידישקייט.

דער הייליגער רבי האט געזאגט, אז ער איז געווארן א

דורך דעם וואס אלס קינד איז ער אויסגעוואקסן אינעם הויז פון זיין הייליגן זיידן, דער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו. און דער בעל שם טוב'ס תלמידים פלעגן קומען באזוכן דארט און זיך דערמאנען מיט נאסטאלגיע וואס זיי האבן געזען און געהערט און מקבל געווען פונעם הייליגן רבי'ן, די אלע מעשיות האט אויפגעפלאקערט זיין יונגן הערצעלע און אריינגעברענגט אין אים אזא שטארקע גלוסטעניש אויך צו ווערן זיין אזוי נאנט צום הייליגן באשעפער. אזוי האט דער הייליגער רבי זוכה געווען צו צוקומען צו אלע גרויסע מדרגות וואס ער האט זוכה געווען.

לאמיר עס גוט געדענקען, א מעשה קען ארויסהעלפן טעכניש אז קליינע קינדער זאלן בעסער עסן און שנעלער גיין שלאפן, און אז מען דערציילט שוין א מעשה לאמיר אויסניצן די צייט פאר סיפורי צדיקים וואס וועט אונז אויך ברענגען נענטער צום הייליגן באשעפער.



## קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

### פרשת חיי שרה

## חידות
### אפטיילונג

**דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט:**
**די וועלט איז אזוי ווי א שמאלע בריק, און דער עיקר איז**

א. מ'זאל נישט אראפפאלן אין שאול תחתית
ב. מ'זאל קומען צו מיין ציון
ג. מ'זאל נישט מורא האבן
ד. מ'זאל נישט גיין אויף די שמאלע בריק

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער הייליגער רבי האט געזאגט: צווישן מיר און משיח איז נישט דא קיין חילוק, די איינציגסטע חילוק איז אז
**ביי מיר איז נאך דא א בחירה**

*געוואונער פון פאריגע וואך*

**אלעזר ישעי' פרידמאן נ"י - מאנסי**
שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף
### די ווערטער

**זייט פריילעך, זוכט אויף גוטס אין אייער לעבן.** אן עצה טובה, איר זאלט זיך אראפשרייבן גוטע זאכן וואס דער אייבערשטער טוט מיט אייך, און יעדן טאג זאלט איר זיך מאכן צייט אויף דעם; נעמט ארויס דעם צעטל און דאנקט אים אויף דאס גוטס וואס איר האט.

עס איז גאר אנדערש ווען מען רעדט צום אייבערשטן, **מען בעט אים - ווען מען איז פריילעך און דאנקבאר,** ווי ווען מען בעט פון עצבות און מרה שחורה.

(עצת אמונה פרשת מטות מסעי תשפ"ב)

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פ | ר | י | י | ל | י | כ | ג | ש | ז | א | ח | ת | ח | ג |
| ר | א | נ | ד | ע | ר | ש | ח | ו | ר | ה | ו | פ | א | ג |
| א | י | ר | ר | ט | ג | כ | ב | ט | ט | ב | י | ר | פ | י |
| ר | א | ב | ק | נ | א | ד | כ | מ | צ | ע | מ | ו | י | פ |
| נ | א | י | י | כ | ט | ו | י | ע | מ | ס | א | נ | ו | א |
| פ | ו | ו | א | ס | ז | א | כ | נ | ב | ע | כ | נ | א | פ |
| ק | י | צ | ז | י | כ | י | ט | ד | ע | מ | נ | נ | ר | א |
| נ | ל | ו | י | נ | כ | י | א | צ | ס | ז | ו | י | ד | י |
| מ | ע | ט | א | י | נ | ב | ה | ב | ע | א | י | ר | ע | י |
| ר | ב | ט | ז | ל | ט | ע | צ | ב | נ | ל | ו | כ | ר | ב |
| ק | נ | ע | ו | ע | ו | ר | א | ג | י | ט | ד | ו | מ | ע |
| ל | א | ב | ל | ט | ב | ש | ו | כ | ט | ה | נ | ע | כ | ר |
| ק | ע | י | ד | מ | ה | ט | ק | ע | צ | א | נ | פ | ש | ש |
| ב | ע | ע | ז | א | ס | ע | ב | ס | ב | ט | ז | א | ל | ט |
| ג | ר | א | י | נ | א | ר | א | פ | ש | ר | י | י | ב | נ |
| ד | ו | צ | א | ד | א | ד | ו | ו | ע | נ | ר | מ | ס | ד |
| פ | ו | ט | ו | ו | ע | נ | נ | י | י | ס | ט | י | ב | א |
| מ | ה | נ | ס | ב | נ | מ | י | י | ר | פ | ס | מ | א | נ |
| ר | י | ע | ד | נ | ע | א | ר | ו | י | ס | ג | נ | י | ק |
| ג | ת | מ | י | א | מ | ס | פ | ה | ה | נ | ע | ו | ו | ט |

# טרעף
די וועג

טרעף די וועג צו צאגן די ווערטער פון די הייליגע גמרא!!






# שטיקעלע
ספר המדות

## תפלה

**לז. עַל כָּל הַדְּבָרִים הֵן עַל דָּבָר גָּדוֹל, הֵן עַל דָּבָר קָטָן תִּתְפַּלֵּל.**

אויף יעדע זאך - סיי א גרויסע זאך און סיי א קליינע זאך - זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן; מיט תפילה קען מען אלעס.

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות:
"דער ספר האט מיך געמאכט פאר א אידן!"

# שיחות פון רבין
# פארהער

וועלכע שיחה פונעם הייליגן קדושת לוי דערמאנען דיך די בילדער?






**באשעפער!**

ענטפער פון פאריגע וואך

ווען דער רבי איז צוריק געקומען פון ארץ ישראל האט דער רבי געזאגט: "איך האב אייך געברענגט א מתנה פון ארץ ישראל - מחלוקת!"

# טרעף די חילוקים

טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער





פיינע גוטע נאש...
לכבוד שבת קודש!

# עצות אמונה
בחינה

## עצות אמונה פרשת וירא תשפ"ד

### פון רעכטס צו לינקס

2.בעטס דעם אייבערשטן אזוי ווי אן _____ בעט פאר א נדבה

6.וועק זיך אויף, גיי אין שול, טו אן _____

7.זע צו לערנען יעדן טאג ___ פון הייליגן רבינ'ס ספרים

9.זאג יעדן טאג די תפלה פון א שידוך, אפילו אן _____

10.בעטס דעם ______ פאר קינדער

### פון אויבן אראפ

1.די וואס הערן זיך צו בקול הצדיקים, די וועלן האבן ליכטיגע ערליכע _____

2.בעטס דעם אייבערשטן פאר גוטע שכנים און חברים מיט _____ _____

3.נאר אז מען האט א _____ וואס חזר'ט אמונה קען מען זיך ראטעווען

4.געב פאר יעדן קינד כסדר א גוט ווארט און א ______

5.וויפיל דו ביסט נאר געפאלן, דער אייבערשטער קען אויך דיר העלפן

8.זיי פון די בחורים וואס זענען מכבד די מגיד שיעור און רעדן מיט ____ ____

9.מיט א בלעטל _____ דארף מען נישט מורא האבן פונעם מבול




"מאך זיך א שיעור אין "ספר עצות אמונה" וועסטו ווייסן ווי אזוי ציל צו פירן אין לעבן" (עצות אמונה פרשת נצבים תשע"ט)

# קינדער טאלאנט



יואליש און עמרם ראטה - קרית ברסלב - א ברידזש



יושע היימליך נ״י - קרית ברסלב - די דענמאן ברידזש



אליעזר שלמה פיש נ״י - בארא פארק - חורבה שול בירושלים



שרי און אליעזר שלמה הערצאג - וויליאמסבורג



חי׳ היימליך - קרית ברסלב - רבקה ביים ברונעם



די דריי מלאכים - תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל



משה יודא ראטה - ווילימאסבורג - אברהם אבינו׳ס געצעלט

# מעשה פון תפלה פאר קינדער

לאה יאקאבאוויטש תחי׳ - קרית ברסלב פארציילט:




רבקה אפפעלדארפער תחי׳ - קרית ברסלב פארציילט:



# קלאסיפיידס

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*











## Garden House Suites

5 one bedroom suites available for weekends etc.

Call

646-565-0966



# קלאסיפייד

Deadline to advertise
Sunday 12:00 PM


א שיינע איין רומיגע דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.
אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.
רופט לייבי ראטה - 347-578-4449

B&H
DRY GOODS
1619 NY -52 LIBERTY NY 12754
BACK ENTRANCE
845-320-3332

Baby Gemach
Car seats. pack and play. twin carriage. single stoller and more.
Birenbaum family
347-543-8313

דירות אין שטעטל פאר שבתים
מנחם שטיינבערג 347-461-2244
יואל וועבערמאן - 845-662-8423
יצחק אייזיק ראטה - 347-668-6122
אברהם הערש וועבערמאן 845-492-0566
ראובן בירנבוים 347-549-5625

א שיינע גרויסע פיר בעדרום אפארטמענט אין שטעטל מיט א גרויסע קאך און דיינונג רום, אוועיליבעל צו דינגען פאר שבתים, וואך אדער חודש.
רופט - 917-541-1197

Gemach for Simchas
Big percolator. Big crock pot. Big hot plate . White table cloth and more. All this stuff is to help you out when you make a simcha . please try to book it in advance so we can help you with what you need. Thank you.
Mizrahi family
845-248-3218

KB Seamstressmstress
Professional Finish, Best Prices
For your convenience we sell basic sewing supplies and accessories for school and home use.
Looking forward to serve you.
Mrs. Weberman - 136 Hsuchke Rd
845-662-4083



# IN AN ACCIDENT?

## CALL THE EXPERT

**mint COLLISION**

Accidents can happen,
Our professional & caring staff will handle the entire process.

- 24-Hour Towing
- Full Car Repair
- Rental Replacement
- Trusted by all major insurance companies



For Upstate Customers;
We pickup & deliver all year round.

אייער פריינט ארי׳ לייב פעקעטע

347-742-7778

mintcollision@gmail.com

# בילדער
## אפטיילונג





קרעדיט: שמעי׳ וואקס

תלמוד תורה היכל הקודש טבריה ביים ציון פון
חיה רוזא בת רביה"ק מסאטמאר זי"ע - ב׳ וירא




ביים ציון פון התנא נחום איש גמזו לכבוד
פרשת השבוע פרשת לך לך - ג׳ לך לך תשפ"ד



קרעדיט: שמעי׳ וואקס

תלמוד תורה היכל הקודש טבריה ביים ציון פון
ר׳ ישראל קרדונר ז"ל לרגל די יארצייט - ב׳ וירא



דער ראש ישיבה שליט"א ביים איבערגיין די ליסטע פון
די בחורים וואס גייען נאך געלט - ג׳ וירא תשפ"ד



דער ראש ישיבה שליט"א גרייט צו די נר תמיד אין ישיבה
- ג׳ וירא תשפ"ד



קרעדיט: לייבי ראטה

דער דיין שליט"א ביים גיין שטימען פאר די לאקאלע
וואלן אין קרית ברסלב ליבערטי - ג׳ וירא תשפ"ד



קרעדיט: נפתלי זאבעל

וועכנטליכע הפצה פארברענג אין ביהמ"ד היכל הקודש
8 העיס, קרית יואל - ג׳ וירא תשפ"ד







דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט ביים קרן הדפסה אין שטעטל - ד' וירא תשפ"ד













קביעת מזוזה ביי די נייע אפיסעס אינעם קרן הדפסה אין שטעטל - ד' וירא תשפ"ד









קביעת מזוזה צוזאמען מיט שבע ברכות ביי די נייע קימפעטערן היים 'ילד שעשועים' אין שטעטל - ד' וירא


קרעדיט: שמעון פיש


קרעדיט: שמעון פיש

באזוך אין שטעטל ישיבה - ד' וירא תשפ"ד


קרעדיט: הענך אינדיג


קרעדיט: אייזיק ראטה

הרב רבי יצחק לעסער שליט"א באזוכט אין שטעטל - וירא תשפ"ד


קרעדיט: יצחק ראטה



אבות ובנים אין היכל הקודש בית שמש - מוצאי שבת וירא תשפ"ד


קרעדיט: אהרן שווארץ

אבות ובנים אין היכל הקודש צפת - מוצאי שבת וירא תשפ"ד









אבות ובנים אין בית המדרש עצתו אמונה - מוצאי שבת וירא תשפ"ד




סיום מסכת קידושין - חצי ש״ס צוזאמען מיט חנוכת
הבית אין היכל הקודש לינדן ניו דזשערזי - ליל ששי וירא




סיום מסכת קידושין - חצי ש״ס דורכן מגיד שיעור מו״ה
דוד פוקס הי״ו אין שטוב פון מו״ה משה אהרן שפילמאן




סיום מסכת קידושין - חצי ש״ס אין היכל הקודש
בראכפעלד - מוצאי שבת וירא תשפ״ד




סיום מסכת קידושין - חצי ש״ס אין היכל הקודש
ירושלים - ליל ששי וירא תשפ״ד




סיום מסכת קידושין - חצי ש״ס אין היכל הקודש לאנדאן
- מוצאי שבת וירא תשפ״ד



סיום מסכת קידושין - חצי ש״ס אין היכל הקודש אלעד
- מוצאי שבת וירא תשפ״ד







סיום מסכת קידושין ביים דף גמרא שיעור פארגעלערנט
דורך מו״ה יעקב לעסער הי״ו פאר די קינדער אין שטעטל
בהשתתפו הרב רבי יצחק לעסער שליט״א - ה׳ וירא תשפ״ד